STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06439

EYDER ES VERT NAKHT

N. Y. Gotlib

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נ. י. גאָטליב

אידער עס ווערט נאַכט

נ. י. גאָטליב

אידער עס ווערט נאַכט

אַרויסגעגעבן פון נ. י. גאָטליב בוך-קאָמיטעט
און מיט דער מיטהילף פון קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס
מאָנטרעאל — 1962

"EIDER ES WERT NACHT"

By N. J. GOTLIB

1 9 6 2

●

Printed by
OLD ROSE PRINTING CO., INC.
366 Mayor St. - Montreal, Canada

וואָס מאַכסטו, וואַלד

א

וואָס מאַכסטו, וואַלד, אין זומער-פּרי אין בלויעם?
שוין באַלד אַ יאָר ווי כ׳האָב דיך ניט געזען
(געשמאַכט אין קלעם פון מויערן פון גרויע,
געבענקט אין שטיג פון שטיינערדיקע ווענט).

שוין באַלד אַ יאָר — אין שטאָטישן געטומל,
אין האַרבער מי (פאַר העמד און ברויט און דאַך);
אין עלנטקייט, אין עסנדיקן אומעט;
מיט זאָרג בייטאָג, מיט דאגות איינדערנאַכט.

שוין באַלד א יאָר — אין גאַרעניש נאָךביימער,
נאָך גראָז און בלום, נאָך שטילקייט און נאָך רו;
נאָך ווינקלען דיינע טונקעלע, געהיימע,
נאָך יעדן דיינעם סודותדיקן רוף.

די שטאָט האָט אַלץ געהאַלטן מיך געפאַנגען
אין אַ געפלעכט פון אייזן און גראַניט;
געהערט איך האָב נאָר רעדערשע געקלאַנגען,
געהערט איך האָב נאָר טופּעניש פון טריט;

געזען איך האָב נאָר רויכן פון פאַבריקן,
געזען איך האָב נאָר האַוועדיקע מערק;
און מענטש-געאייל — נאָך דאַלאַרדיקע גליקן,
נאָך גוף-געניסן רייציקע וואָס מער.

שוין באַלד א יאָר און — אָט איך זע דיך ווידער,
דו שטייסט באַניים אין גרינקייט אָנגעקליידט;
אין קווייטן — פאַרביק — אויסגעצירט אין נידער,
מיט מילדער בלויקייט אינדערהייך באַשפּרייט;

מיט בוים און קוסט אין זונגאָלד איינגעשלייערט,
מיט גראָז און בלאָט אין טויען איינגעהילט;
מיט ווינטן גרינגע וואָרעם-ווייך צעווייעט,
מיט פייגל פרייע לופטיק-דין צעשפּילט.

אַ גרויסע פרייד, וואָס האָט אין מיר געשוויגן
(פון טריבער וואָר פון גאַסיקער געדריקט), —
זי נעמט זיך איצטער אויפוועקן, צעוויגן,
זי טוט אצינדער אויפגיין אין מיין בליק.

ווי האָב איך, וואַלד, געפיינט זיך דאָרט, אויף גאַסן, —
אין רוישעניש אין שטענדיקער געשטרעקט;
מיט אַסיען-רעגנס בייטשיקע באַוואַשן,
מיט ווינטער-שנייען קויטיקע באַדעקט.

זיך אומגעדרייט, א פרעמדער, צווישן מענגעס,
וואָס וואַקסן אַלץ — איניינעם מיט דער שטאָט
(און מאכן זי אַלץ ברויזיקער, אַלץ ענגער,
פארפענטען זי אַלץ מער אין שטיין, אין דראָט).

זיי וואַקסן אַלץ, און אויך די שטאָט זיך גרעסערט —
אינלענג, אינברייט, אין הימל העט ארויף;
און איך אין איר — איך דריי זיך אום פאַרגעסן,
און איך אין איר — איך בלאָנקע אום צעשרויפט.

עס גריזשען מיך כסדרדיקע זאָרגן,
איך ווער פון נויטן שטענדיקע גענאָגט;
און שרעקענישן פאַר אַ יעדן מאָרגן,
און ערגערנישן פון אַ יעדן טאָג.

די לידער מיינע — קיינער וויל ניט הערן,
די ביכער מיינע ליגן ניט גערירט;
די אַלטע פריינט — אַלץ ווייניקער זיי ווערן,
דער יונגער דור — ווי ווייט ער איז פון מיר.

עס איז אים פרעמד מיין וואָרט און מויל, מיין ייִדיש,
ער וויל ניט וויסן פון מיין גאָרן יש;
ער קוקט מיך אָן מיט אויגן, פול מיט חידוש:
וואָס טו איך דאָדערט, אין זיין וועלט, — א מת?

וואָס פלאָנטער איך זיך פאַר די פיס ארומעט
מיט שפּראַך מיינער מיט מאַמעשער — אין צאַנק;
מיט פאָטערשע אַלטמאָדישע געזשומען,
מיט ייִדעשן פארצייטישן געזאַנג? — —

אַזוי די טעג, אַזוי די וואָכן גייען,
אַזוי מאָנאַטן גייען דאָרט אַוועק;
מיט גוף מיט גאָרן — איינגעקלעמט אין ווייען,
מיט זעל מיט גאָרער — פול מיט זאָרג און שרעק — —

און אָט בין איך באניים צו דיר געקומען,
געטראָפן דיך דאָ אויפדאָסניי צעגרינט,
געהילט אין בלעטער, אויסגעצירט אין בלומען,
מיט גרעזעלעך מיט טויאיקע באַשפּינט.

אָ, נעם מיך אויפעט, רייך צעבליטער חבר,
מיט שטאַמען דיינע קרעפּטיקע — באַזונט,
מיט קרוינען הויכע אינעם דינעם אַוויר,
מיט וואָרצלען טיפע אינעם פעטן גרונט.

אָ, נעם מיך אויפעט, חבר מיינער — דופּטיק,
מיט שמעטערלעך מיט פאַרביקע — צעפּאָכט,
מיט פייפעניש מיט פייגלשער אינלופטן,
מיט ווימלעניש מוראַשקענער אין מאָך.

בין מיד אזוי פון לעבן מיינעם — שמאַכטיק,
וועל לייגן זיך, א מידער, אין דיין מיט;
וועל ליגן דאָ מיט וויעם מיט פארמאַכטע
און זינגען דיר, א שווייגיקער, מיין ליד.

ב

איך קום אַהער אַ טרייסט ביי דיר דאָ זוכן
פּאַר טעג און נעכט — אין ביטערניש, אין וויסט;
טרינק אָן מיט דיינע פּעכיקע גערוכן,
דערקוויק מיט דיינע ווינטן — אַזוי פריש.

שפּרייט אויס פאַר מיר דיין וויכן מאָכן-טעפּיך,
צעראָל פאר מיר דיין צאַרט באַגראָזטע ערד:
בין מיד אַזוי פון יאָר נאָך יאָר צו שלעפּן
די עולן פון מיין קיום — אַזוי שווער.

וועל לייגן זיך, אַ מידער, אין דיין שאָטן,
דערציילן דיר פון אַלעם, וואָס מיך אַרט:
איך טו אַלץ לעבן מיט מיין פאָלק — פאַרשאָטן,
און יעדן טאָג מיט אים צוזאַם איך שטאַרב.

די פוסטע היימען לאָזן מיך ניט רוען,
די טויטע גאַסן גייען מיר אַלץ נאָך:
אין רויש פון טאָג, אין שטילע אָוונט-שעהן
איך זע זיי אַלץ אין זייער הארבן בראָך.

און ס׳אַרט מיך, וואַלד, מיין מוטערלאַנד מיין אַלטע,
דורך בלוט באַלעבט, אין מי און שוויים באַנייט,
מיט שטעט אין בלי, מיט דערפער אויפגעשטראַלטע, —
אין רינג אין ענגן פון צעציינטע פיינט.

און ס׳אַרט מיך, וואַלד, אַ יעטווידע מדינה
אין קלעם פון שונאים — חיה׳דיק צעציינט:
די גאָרע ערד, מיט מערדעריי פאַרכלינעט,
די גאַנצע וועלט — אין אומגליק און געוויין.

און ס׳אַרט מיך שטאַרק מיין מאַמעדיקער לשון,
וואָס ווערט אַדאָ פארשטויסן און פאַרשעמט;
מיין יידיש בוך, וואָס וועלגערט זיך פאַרגעסן
צעווישן בלינדע קעלערדיקע ווענט — —

איז קום איך, וואַלד, אין זומער-פרי אין בלויעם
פאַרטרויען זיך מיט אַלעם דעם פאר דיר;
אין שטאָט איך האָב ניט וועמען עס פאַרטרויען:
מע דאַרף דאָרט ניט סיי מיך און סיי מיין שיר.

טאָ נעם מיך אויפעט מיט מיין שיר — פאַרלאָז,
איך וועל אים דאַדערט פאַרלעזן, מיין פריינט,
פאר דיינע גרינע זאַפטנפולע גראָזן,
פאר דיינע ביימער — העל מיט זון באשיינט.

ג

מיין ליד און איך — אַלטמאָדישע מיר זענען,
ווי דו, מיין וואַלד, מיט בלאַט און גראָז און בלום;
די שטאָט איז אונז אַן אָפּקום, א גיהנום,
אין שטאָט-געדויש מיר זענען ביידע שטום.

אין גאַס-געקאָך מיר זענען ביידע שוויגיק
און — רייסן זיך, ווי פון אַ שטייג, אַהער:
צו דיינע וואָרצלען און צו דיינע צווייגן,
צו דיין צעבליטער, גרין באַשפּרייטער ערד.

איך האָב זי ליב, זי איז מיר זייער טייער
און — כ׳וואָלט אַדאָ געבליבן שוין ביז ענד:
אין פרילינג — לינד, אין זומערדיקן פייער,
אין אָסיען — העל, אין ווינטערס ווייסן בלענד.

נאָכוואָס די שטאָט — געשמידט אין שטיין אין גרויעס?
נאָכוואָס די גאַסן — איינגעהילט אין רויך?
פיל בעסער דאָ מיט הייכן זויבער-בלויע,
פיל בעסער דאָ מיט נידערס — מאָכיק-ווייך.

נאָכוואָס מאַשינעס: באַסעס, אויטאָס פלינקע?
נאָכוואָס געבערום פון באַן און עראָפּלאַן?
פיל בעסער דאָ אין יעדן שטילן ווינקל,
פיל בעסער דאָ אויף יעדן שטילן שפּאַן.

דער מענטש — מע זאָגט — ער קומט אַרויס פון אַפּן
און איז אַמאָל אַראָפּ אויף ערד פון בוים;
אַצינד, מיט ווייסן רייך אַזוי באַוואָפנט,
ער שיקט שוין אַפּן אויף אַ פּרוּוו אין רוים;

און גרייט אליין זיך אין ראַקעטן פליען
צו דער לבנה, צו דעם רויטן מאַרס;
און חלומט נאָך פון ווייטערע נסיעות;
דעם אוניווערז ארומרייזן ער גאַרט.

נאָר ס׳פאָלגט אים נאָך אויף אַלע זיינע וועגן
ניט גוטס, נאָר בייז, ניט אויפבוי, נאָר צעשטער;
און ניט באַפרייען וועט ער זיך פון פלאָגן,
דערגרייכנדיק די סאַמע טיפסטע ספער.

און אומעטום דער טויט עס וואַרט אים אָפּעט,
און קברדיקע, ווערעמדיקע „רו״;
צי אויף דער ערד דאָ — מיט אַ שטיין צוקאָפּנס,
צי אויפן מילכוועג און — נאָך ווייטער ווו — — —

איז בעסער שוין ניט אומפליען אין רוימען,
ניט אומיאָגן אין רוישיקער מאַשין;
און בלייבן דאָדערט, מיט די שטילע בוימער —
צעהוידעטע אין דופטנדיקן ווינט.

איז בעסער שוין די גרויסע שטעט פאַרלאָזן,
די מויערן — אין אייזן און בעטאָן;
און בלייבן דאָדערט, מיט די קליינע גראָזן —
אין רונדן טוי, אין קלאָרן אָנגעטאָן.

ד

איך האָב ניט מער קיין כוח צו דער שטאָט,
איך בין דאָרט קראַנק, איך ווער דאָרט איינגעבראָכן;
און ווי איך לעב, ווי שטעל איך נאָך א טראָט, —
דאָס קימערט ניט אפילו נאָנטסטן שכן.

אַ שטיינערנער, אַן אייזערנער ארום, —
אין שטענדיקן, בהלה׳דיקן יאָגן;
און יעדער איינער — טויב און בלינד און שטום
צום צווייטנס נויטן, צו דעם צווייטנס פלאָגן.

איך ווייס עס ווויל — פון יאָרן אַזוי פיל
אין וויסטער קעלט, אין עלנטקייט אין טריבער;
די גאַס איז גרוי און בייזערט זיך, און בילט,
און אינדערהיים עס איז ניט העלער, ליבער.

אין טעמפן אומעט אלעס איז פארשמידט,
דער טעלעפאָן, ער טוט כסדר שווייגן;
דער בוים אפילו, פאַר מיין שויב וואָס בליט, —
פון אייזן, דאַכט מיר, זענען זיינע צווייגן — —

איך האָב ניט מער קיין כוח צו דער שטאָט,
איך בין דאָרט קראַנק, איך ווער דאָרט איינגעבראָכן;
און ווי איך לעב, ווי שטעל איך נאָך א טראָט, —
דאָס קימערט ניט אפילו נאָנטסטן שכן.

ה

דאָ, אין דיין רינג אין ביימערשן, אין גרינעם, —
דאָ רו איך אָפּ מיט קערפּער און מיט זעל;
און לויטערער עס ווערט דאָ אין מיין זינען,
און אָפענער דערזע איך דאָ די וועלט;

די הויכע בערג די האָרביקע — באַוועלדערט,
די טאָלן — טיף, אַ יעדן לאַן און פלוין;
די הימלשע, די זויבער-בלויע וועלבונג,
מיט העלער זון, מיט שטראַליקער באַקרוינט.

ווי שיין איז אַלץ אין זומער-פּרי אין שטילן —
ביז וויטער ברייט פון האָריזאָנטן-ראָד;
איך גיי אַרום מיט אַ געמיט, פול תפילה
און — זע אויף אַלץ די מילדע האַנט פון גאָט.

איך ווער ניט מיד ארומגיין דאָ און בליקן,
ווי ס'הוידעט זיך אַ גרעזעלע אין ווינט,
ווי אויף אַ קווייט אַ טוי עס טוט זיך וויגן,
ווי פון אַ צווייג זיך לאָזט אַראָפּ אַ שפּין.

איך ווער ניט מיד אַרומגיין און פאַרנעמען
דעם פייגלשן, דעם לופטיקן געזאַנג,
דעם בינישן, דעם האָניקדיקן זמר,
די שאָרכן — דין — פון בלאַט און הוי און זאַנג.

די ביטערניש די שטאָטישע פאַרשווינדט דאָ,
די דריקעניש די גאַסיקע פאַרווייט,
די חושכניש די נאַכטישע צערינט דאָ
און אַלץ ווערט ליכט און פרידלעכקייט און פרייד.

ו

זיך אָפּרינגלען פֿון גאַסיקן געפּילדער
און — בלײַבן שוין מיט דיר אַדאָ, מײַן וואַלד;
אין גבולן דײַנע דיכטן מײַנע לידער
און לעזן זיי פֿאַר ביימער — יונג און אַלט.

און לעזן זיי פֿאַר גרעזעלעך פֿאַר גרינע,
פֿאַר בלימעלעך — אין ווײַס, אין ראָז, אין געל;
פֿאַר וועווערקעס, פֿאַר שמעטערלעך, פֿאַר בינען,
פֿאַר גאַרער דײַנער ווימלענדיקער וועלט.

זיך הילן דאָ אין זײַד פֿון דײַנע ווינטן,
אין שאַטנס דײַנע — ווײַך אַזוי צעשפּרייט;
ארומבלאָנקען אין שניי ביי דיר אום ווינטער
און זען אין פֿרילינג, ווי דער שניי צעגייט.

און זען אין זומער, ווי מוראַשקעס האָווען,
און זען אין אָסיען גאָלד אויף יעדן בוים
(און שפּינגעוועבסן זילבערנע אין אוויר,
און פֿייגל-שאַרעס אינעם טיפֿן רוים).

אַזוי דאָ טאָגן, נאַכטן דאָ אַזוי-אָ,
מיט העלע זונען, מיט לבנות — בלאַס;
מיט הימלען בלויע און מיט הייכן גרויע,
מיט ערדן — טרוקן און מיט נידערס — נאַס.

ז

פאַרהיל מיך, וואַלד, אין גראָזן דיינע טיפע,
פאַרטוליע מיך אין בלעטער דיינע — דיק;
און זאָל שוין דאָ מיין ביסל זיין דערטריפן
מיט גריל-געפייל, מיט פייגלשן טשיריק.

ווי מיד איך בין פון שטאָטישן הארמידער,
ווי קראַנק איך בין פון גאַסיקן געיעג;
אין קעלט פארקלעמט, אין עלנט איינגעשמידטע,
פארצאַנקען דאָרטן מיינע נעכט און טעג.

פון נויט געטריבן, דריי איך זיך אַדאָרטן
(נאָך ברויט נאָך קאַרגן, נאָך אַן אָרעם העמד)
צעווישן לייט פון זעט און בעט און קאָרטן
און — ווער פון זיי פארשפּלט און פארשעמט.

און כלומרשט פריינט, וואָס טרעפן ווען און גריסן
מיט פערטל מויל, מיט גלייכגילט אינעם קול — —
ווער דאַרף מיך דאָרט? ווער וויל דאָרט פון מיר וויסן?
צי לעב איך נאָך — ווער פרעגט זיך דאָרט אַמאָל?

אַזויפיל יאָרן ערלעך אַלץ געשפונען
מיין צאַרטן וואָרט, מיין ציטעריקן שיר, —
צי האָט זיך דאָרטן א י י נ ע ר כאָטש געפונען,
וואָס זאָל פאר מיר צ ע ע פ ע נ ע ן זיין טיר?

און אָט אזוי מיין וואָר איז באַלד פאַרגאנגען,
און אָט אזוי מיין טרוים איז באַלד אוועק;
און אָט איז באלד שוין צו זיין סוף דערגאַנגען
פון לעבן מיינעם איינזאמען דער וועג — — —

פארהיל מיך, וואַלד, אין גראָזן דיינע טיפע,
פארטוליע מיך אין בלעטער דיינע — דיק;
און זאָל שוין דאָ מיין ביסל זיין דערטריפן
מיט גריל-געפייל, מיט פייגלשן טשיריק.

ח

איך טויג זיך ניט פאר שטאָט מיט אירע ווונדער,
פאר מויערן — אין אייזן און בעטאָן;
א וואָלקנדל, אין שקיעה-שיין צעצונדן, —
ער זאָגט מיר מערער ווי די שענסטע קראָם.

איך טויג זיך ניט פאר גאַסן אַספאַלטירטע,
פאר קוק-פענצטער אין שפּיגלדיקן גלאַנץ;
אַן אלטער קליאָן, אין גרין אַן אויסגעצירטער, —
ער רייצט מיך מערער ווי די רייכסטע באַנק.

איך טויג זיך ניט פאר איצטערדיקן לעבן,
פאר היינטיקע, פאר פליענדיקע טעג;
איך טו אין הימל אין מיין חלום שוועבן,
איך גרייך אין חלום ווייטסטן ערדן-ברעג.

איך לעב נאָך אַלץ מיט פאַסטאָראַלע יאָרן,
מיט קולבאַקס „רייסן", ראָלניקס „אַרום מיל";
כ׳קען אויסקומען אָן שאַל פון אויטאָ-האָרן;
גענוג פאַר מיר די זעגעניש פון גריל.

כ׳קען אויסקומען אָן פייפעניש פון באַנען,
גענוג פאר מיר א פייגל-פייף אין וואַלד,
א בין-געזשום אויף בלימלדיקע לאַנען,
א מורמלעריי אַ פרישע פון א קוואַל.

ט

דו ביסט, מיין וואַלד, אין יעדן וועטער פּראַכטיק, —
אפילו היינט, אין אָ־דעם סומנעם טאָג,
ווען אין די הייכן ציען וואָלקנס — נאַכטיק,
און אויף דער ערד א ווינט אַ שאַרפער יאָגט.

איך זיץ ביי דיר דאָ אויף א שטיין שוין שעהן
און קוק זיך צו אַדורכגעגליט מיט פרייד,
ווי טוסט זיך וואַרפן, ווי אין א שיגעון,
מיט בלאַט מיט יעדן, מיט א יעדן קווייט.

דער ווינט, ער שליידערט מיט א יעדן צווייגל,
דער ווינט, ער טרייסלט מיט א יעדן גראָז;
און צו דעם הימל אַ געוויש טוט שטייגן
פון אַלץ ארום — צעשאָקלט און צעבלאָזט.

א יעדע רגע קען א מבול קומען —
מיט בליצן — שלאַנגיש, דונערן — צעראָלט;
פארפלייצן דיך מיט דיינע שטאַמען, בלומען,
פארטרינקען דיך מיט בארג און פלאַך און טאָל.

נאָר איך — איך זיץ אַלץ פון דיין פּראַכט געפאנגען,
נאָר איך — איך זיץ אַלץ אין דיין רייץ פארשפּינט;
און אין מיין זעל אַלץ גיסן זיך די קלאַנגען
פון דער „סימפאָניע״, וואָס דו „שאַפסט״ אַצינד;

און כ׳שרעק זיך ניט פון וויכער פון צעפּאָכטן,
וואָס נעגטערט זיך אַלץ מער צו אונז, מיין וואַלד;
און כ׳שרעק זיך ניט אויף אָ־דעם שטיין באַמאָכטן,
אַ בוים אַ שווערער טאָמער אויף מיר פאַלט — —

י

ווי פֿאַם איך זיך צו דעם געדודער פֿון די כרכ׳ן,
צו דעם געהאַווע פֿון די גאַסן — אין גערויש,
אַז ווייל איז מיר מיט פֿעלדישע, מיט שטילע שליאַכן,
אַז גוט איז מיר אין וואַלדישן, אין גרינעם שוים.

ווי פֿאַם איך זיך צו דעם געיעג פֿון די מאַשינעס,
צו די ראַקעטן מיט די מאַלפּעס אינעם רוים,
אַז גוט עס איז מיר מיט א גרעזל מיט א דינעס,
אַז ווייל עס איז מיר אינעם שאָטן פֿון א בוים.

ווי פֿאַם איך זיך צו אַ-דער צייט פֿון בליצן-קריגן,
צו אַ-דעם דור דעם אימהדיקן פֿון אַטאָם,
אַז פֿול איך בין אליץ מיט מיין טאַטנס תהילים-ניגון,
אַז פֿול איך בין אליץ מיט מיין מאַמעס תחינה-טאָן.

יא

מיט אונזער ערד עס ווערט אַלץ ערגער, שלימער:
זי גרייט אלץ מער איר גרויליקסטן פאַרלענד,
און אומגעריכט — א בליץ פון ריינעם הימל —
קען אָנקומען איר נאַכטיש-בלינדע ענד.

דערווייל זיך שפרייט — א פייער — די רציחה
דאָרט, אין די כרכ׳ן, — אויף א יעדן ראָג;
און ביסט שוין דאָרטן מיט דיין זיין ניט זיכער
ניט נאָר ביינאַכט — אין סאַמע מיטן טאָג.

און ס׳בליט באַניים די שינאה צו מיין אומה —
אויף גאָרער וועלט, אין לאַנד אין היגן — אויך;
און ס׳דראָען ווידער אירע קרייצן קרומע
מיט גאַז-געוואָרג, מיט קרעמאַטאָריע-רויך — —

מיט אונזער ערד עס ווערט אלץ ערגער, שלימער:
זי גרייט אלץ מער איר גרויליקסטן פאַרלענד,
און אומגעריכט — אַ בליץ פון ריינעם הימל —
קען אָנקומען איר נאַכטיש-בלינדע ענד.

יב

אַן ערד אַזאַ מין גרייט מען זיך פאַרניכטן,
מיט אַלץ אויף איר — אי מענטש אי עוף, אי רינד;
פאַרניכטן אויך אי גאָט, אי טרוים, אי דיכטונג,
און בלייבן זאָל נאָר זאַמד און מידבר-ווינט.

אַן ערד אַזאַ מין, מיט אַזעלכע בוימער,
ווי דיינע, וואַלד, — אין אַ-דעם זומער-פרי,
ווען העל אַזוי די זון שיינט אין די רוימען,
און גרין אַזוי דער גרונט איז אין זיין בלי.

אָט שפּאַן איך איצטער אין דיין ראָד אַרומעט,
באַטראַכט אַדאָ אַ יעדן בוים און קווייט,
און קלער דערביי: ווי לאַנג עס האָט גענומען,
זאָלסט ווערן, וואַלד, אַזוי-אַ רייך באַקליידט:

פון גאַז פון דינעם ביז דער דיקער קאָרע,
פון פייער — פּליסיק — ביזן האַרט פון פעלז;
אַזויפיל תקופות און אַזויפיל יאָרן —
ביז פונעם כאַאָס איז געוואָרן וועלט;

און אויסגעוואַקסן בוימער הויכע זענען,
און אויסגעכאָוועט חיות האָבן זיך:
און פייגלוואַרג — מיט אַלערלייע נעמען,
און ברואימלעך — אין פלאַטער, אין געקריך — —

און מענטש אויף ערד — פון העט אַמאָל, פון היילן, —
ביז בעטהאָווען, ביז היינע, ביז איינשטיין — —
אַזויפיל יאָרן, גיט צו איבערציילן,
אַזויפיל דורות — אין פאַרוים אַלץ גיין;

אין שטענדיקן, פאַרעקשנטן געקלעטער, —
פון בומעראַנג ביז מאַכטיקן אַטאָם;
פון פייל-און-בויגן ביזל דער ראַקעטע
אין פלי געשווינדן דורכן הימל-תהום — —

איז וויל מען איצטער מענטשן, חיות, גראָזן
טאָטאַל פאַרווישן פון דער ערדנפלאַך;
פאַרווישן אויך ישעיה און שפּינאָזע,
שעקספּיר און מאָצאַרט, אַנדזשעלאָ און באַך.

איז וויל מען איצטער בוימער, בלומען, ווערעם
טאָטאַל פאַרמעקן — ווו א קער, א ווענד:
פאַרמעקן אויך סאַקראַטן און האָמערן,
טאָלסטאָי און געטע, רילקע און ווערלען — —

אַן ערד אַזא מין גרייט מען זיך פאַרניכטן,
מיט אַלץ אויף איר — אי מענטש, אי עוף, אי רינד;
פאַרניכטן אויך אי גאָט, אי טרוים, אי דיכטונג,
און בלייבן זאָל נאָר זאַמד און מידבר-ווינט.

יג

איך האָב, מיין וואַלד, פאַרווײַלט אַמאָל אין כרכן
אין וועלט-באַרימטע — מאָסקווע, בערלין;
האָב אין פּאַריז געזען פיל שיינע זאַכן,
און האָב געטרוימט פון לאָנדאָן און פון ווין;

געחלומט פיל פון ריאָ דע זשאַנעירא,
נאָך אַלטן רוים אין גאַרעניש געגליט;
ווי העל עס דאַרף זיין אין בוענאָס איירעס,
ווי הערלעך מוז זיין אין באַגדאַד, מאַדריד — —

איצט בין איך גרייט ניו יאָרק אויף דיר פאַרבייטן,
פאַרבייטן טאָקיאָ אויף דיין יעדן בוים;
און ס׳רייצט ניט מער דער דזשעט אין הימל-ווייטן,
און ס׳לאָקט ניט מערער דער ראַקעט אין רוים.

גאַגאַרין, טיטאָוו, — קאָסמאָס-העלדן גרויסע,
צו זייער פלי ארום דער ערד — א לויב;
נאָר וועלן זיי פון קאָסמאָסדיקן חושך
אַראָפּברענגען די שלומדיקע טויב?

זיי שרעקן מיך, די מאַכטיקע מאַשינעס:
זיי זאָגן ניט קיין פרידן אָן, קיין גוטס;
זיי זאָגן אָן מער קינאה און מער שינאה,
רציחה מערער, טייכן, ימים בלוט.

מע יאָגט זיך אַלץ, מע וויל די ערשטע גרייכן
צו דעם, צו יענעם שכנישן פּלאַנעט;
נאָר ניט צו בויען רייסט מען זיך אין הייכן —
צו מער צעשטערן גייט אָן דאָס געוועט.

צו אַ מענטש אויף דער לבֿנה

יד

בלייב שוין דאָרטן, ברודער מיינער, בלייב שוין דאָרטן:
מיט דער ערד מיט אונזערער אַלץ ערגער ווערט:
ווי א שטוב, מיט ווענט און דאַך, „געבויט״ פון קאָרטן,
האַלט זי זיך שוין, אונזער שטאַרקע, שטאָלצע ערד.

ס׳וואַקסט אויף איר אַלץ מערער רישעות, מערער שינאה,
ס׳הייבט רציחה אינדערהייך זיך שיכט אויף שיכט:
רעכטע, לינקע, — איינס פאַר צווייטן נעצן שפּינען,
נאָר זיי גרייטן אָ-די נעצן אויך פאַר זיך.

מזרח, מערב, צפון, דרום, — איין צעמישונג,
ראַסן, קלאַסן, פעלקער, שבטים, — איין געברויז:
זוען מעט מען שוין נעמען וואַרגן, שעכטן, שיסן, —
לאַנד מיט לאַנד און שטאָט מיט שטאָט און הויז מיט הויז?

(און די מאָנסטערס גאָר די גרויסע גיריק וואַרטן,
מ׳זאָל זיי זאָגן: ס׳איז דערלויבט שוין, פליט און זייט
זוניק פייער ווו אַ ווינקל און פאַרשרפעט
בוים און גרעזל, עוף און חיה, קינד-און-קייט) — —

בלייב שוין דאָרטן, ברודער מיינער, בלייב שוין דאָרטן:
מיט דער ערד מיט אונזערער אַלץ ערגער ווערט:
ווי אַ שטוב, מיט ווענט און דאַך, „געבויט״ פון קאָרטן,
האַלט זי זיך שוין, אונזער שטאַרקע, שטאָלצע ערד.

טו

איך לויף צו דיר, מיין גרינער פריינט, מיין אַלטער,
פון גרויעם כרך, פון גלייכגילט און פון קעלט;
איך פרווו זיך דאַדערט, אין דיין ראַד, באַהאַלטן
פון אלץ, וואָס דאָרטן פייניקט מיך און קוועלט.

איך פרווו זיך דאַדערט, אין דיין רינג, פאַרשפילן
מיט ביימער — דיק, מיט גראָזן — בויגיק-דין;
איך פריי זיך דאָ מיט יעדן שאָטן קילן,
איך קוויק זיך דאָ מיט יעדן לינדן ווינט.

נאָר אויך ביי דיר, אין דיינע פרייע גבולן,
פאַרפאָלגט ער מיך, דער תפיסהדיקער כרך;
איך זע פון דאַנען זיין געיעג זיין דולן,
איך הער זיין רויש — בייטאָג און ביידערנאַכט.

און גאָר די פיין פון זיינע מענטשן אַן איך,
און גאָר דעם וויי פון מענטשן אומעטום;
די וועלט די גאַנצע טוט דאָ מיט מיר שפאַנען
אויף שטעגלעך דיינע — ווייך און שטיל און פרום.

די גאַנצע וועלט, מיט אלע אירע וווּנדן, —
אין לאַנד אין יעדן, אין א יעדן קאַנט:
אין פענט פון קרענק, אין נעץ פון נויט און הונגער,
אין קנעכטעריי אין שטרענגער איינגעשפּאַנט.

אַזוי פיל אומגליק — אויף דער ערד דער גאָרער,
אזויפיל בראָך און פלאָגעניש און טויט;
אין רייכע לענדער, אין מדינות — אָרעם, —
צעווישן ווייס און שוואַרץ און געל און רויט — —

און כ׳פיל דעם ווייטיק פון א יעדן וועזן,
און כ׳שפיר די חרפה פון א יעדן מענטש, —
פון מענטש, ווי ער, פארשטויסן און פארגעסן,
פון מענטש, ווי ער, געמאָרדעט און געשענדט — —

און ס׳ווילט זיך מיר כאָטש עטוואָס לייכטער מאַכן
זיי אלעמען — אין שטייניק שווערן עול:
די אָרעמע, די עלנטע, די שוואַכע, —
פון גאָט פארזען, פון בייזע לייט פאַרפאָלגט — —

נאָר קנאַפּ אזוי די קרעפטן מיינע זענען,
און רייכקייט מיינע — בלויז א וואָרט, א ליד — —
איז בלויז מיט ווערטער, בלויז מיט לידער קען איך
זיי מוטיקן — אין מאַטערניש פארשמידט — — —

טז

ווי יונה, דער נביא פון נינוה,
אין שיף, אויפן שטורמישן וואַסער, —
אַזוי־אָ איך דרעמל אַצינדער
אין וואַלד — פונעם רעגן געוואַשן.

ס׳איז נאַכט און דער וואַלד איז צעציטערט,
ס׳איז נאַכט און דער וואַלד איז צעשטורעמט;
די הימלען — פון בליצן צעשניטן,
און דונערן קראַכן מיט גבורה.

און ס׳מבולט — אויף גראָזן, אויף ביימער,
און רעגן — אַלץ מער ער פאַרמעסט זיך
(עס קאָרטשען מסתם זיך פון אימה
די חיות, די פייגל אין נעסטן).

און איך דאָ — איך ליג אַלץ און דרעמל, —
פאַרוויגט פונעם שטורעמס געשפּילן — — —
נאָר פּלוצים אַ שטימע פאַרנעם איך:
— וואָס שלאָפסטו? שטיי אויף און טו תפילה!

— אָ, גאָט, קאַפּיטאַן פון די וועלטן,
אָ, האַר איבער ים און יבשה,
ניט שיק מיך קיין נינוה — דאָרט שעלטן
דעם תקיף, דעם נוגש, דעם רשע.

דו נעם זיך אַ נביא אַ צווייטן
און — זאָל ער זיי שעלטן און שטראָפן;
בין מיד שוין פון חוזק און ווייטיק
און — שלאָפן איך גאָר איצט, נאָר שלאָפן — — —

יז

מ׳האָט אָן אונז פאַרגעסן, וואַלד מיינער צעבליטער,
און אין שטאָט אין ענגער יאָגט מען און מע רוישט
(פונעם דולן יאָגן יעדע גאַס עס ציטערט,
פונעם ווילדן טומל טויב איז יעדער הויז).

מ׳וויל פון אונז ניט וויסן, וואַלד מיינער — צעבלעטערט,
און מע בויט אַלץ דאָרטן — ווו א פרייער אָרט;
העכער אין די הימלען שטייגט מען און מע קלעטערט,
ווי אַמאָל אין בבל, אויפן טורעם דאָרט.

מ׳וויל אונז מער ניט קענען, וואַלד מיינער — פאַרוויקלט
אינעם נאַכטיש בלויעם, חלומדיקן שיין — —
— — — — — — — — — — — — —
פון די שטילע רוימען גוטע שטערן שיקן
ביידן אונז א טרייסט דאָ, וויגן ביידן איין.

יח

אויך אין דיין גבול, מיין וואַלד מיין ליבער, האָט זיך מענטש פאַרקליבן,
אויך אין דיין אַלטער, גרין-געדיכטער, סודותדיקער וועלט;
גענומען דאָ די שטילקייטן די טונקעלע צעוויגן
מיט אויפרייסן פון דינאַמיט, מיט אויפבראָכן פון פעלז.

צערירט אַדאָ דאָס שאָטנדיקע, דאָס געהיימע שווייגן
מיט קלאַנג פון האַמער און פון האַק, פון רידל און פון זעג;
פאַרמאָסטן זיך אויף שטאַמען — דיק, אויף סוקיק-האַרטע צווייגן,
פאַרשניטן זיך אין וואָרצלען — טיף, אין קרוינען — הויך געשטרעקט.

און ווען האָט ער דורכגעשניטן צווישן דיינע ביימער,
מיט העלן ליכט עלעקטרישן פאַרגאָסן דיך, מיין וואַלד;
און ס׳וואַקסן דאָ אַלרייטישע, וואָלגאַר פאַרפוצטע היימען,
פול ראַדיאָ-טענער הילכיקע, פול טעלעוויזיע-גוואַלד.

און ס׳קומען אָן פון שטאָט אהער געפּאַקטע באַנען, באָסעס, —
פול קוימען-פייף און רעדער-רויש און טרייסלעניש פון שויב;
און גראָזן דיינע טויאיק-פרישע, בלעטער — פריש באַראָסעט, —
זיי הילן זיך אין ברודנעם רויך, זיי וויקלען זיך אין שטויב — —

א רוה איז אריין אין דיר, מיין פריינט מיין גרין-געדיכטער,
אין טראָקס און אויטאָס טראָגט ער אום זיך דורך דיין יעדן אָרט — — —
און איך, דיין חבר דיין געטרייער, דיין פאַרבענקטער דיכטער, —
איך קען שוין דאָ ניט שפּאַנען פריי און שפינען שטיל מיין וואָרט — — —

יט

ס׳איז נאָענט מיר דער בלאָנדער גוי יעסענין,
דער דאָרפישער, דער שיכורער פּאָעט;
ווי ער, איך האַס דעם שטאָטישן גיהנום,
ווי ער, איך ליב אַ פעלד אין גראָז צעבעט;

ווי ער, איך ליב א וואַלד געהילט אין בלעטער,
בעריאָזעס, דעמבעס, פול מיט פעטן זאַפט;
און הויכע בערג — אין גרינקייט אויסגעבעטע,
און טיפע טאָלן — פול מיט גרינער קראַפט.

און ברייטע רוימען, זויבער אויסגעבלויטע, —
אין זון-געברען, אין שטערנדיקן שיין — —
און אַלץ אין וועלט, וואָס גאָט אליין געבויט האָט
אויף שטענדיקן, אויף סודותדיקן זיין — — —

כ

אין יאָרן מיינע איצטערדיקע, אַלטע,
וואָס נויגן זיך צו אָוונט שוין, צו נאַכט,
וואָלט איך געדארפט ניט ווערן מער געהאַלטן
אין קלעם פון זאָרג צוליב א שוך, אַ דאַך;

ניט זאָרגן מער צוליב אַ העמד, א ברויטל,
ניט שרעקן זיך פאר מאָרגנדיקן טאָג;
און פריי פון אלע נאָגנדיקע נויטן —
זיך אָפּגעבן מיין איינציקן פאַרמאָג.

מיין וואָרט, מיין ניגון. דאָ ביי דיר זיי וועבן
מיט רואיקן, מיט פרידלעכן געמיט;
און אין דיין גבול דערציען שוין מיין לעבן,
און אין דיין קרייז דערזינגען שוין מיין ליד.

ווי גוט עס איז אָן עולן און אָן דאגות
צו זיצן דאָ און קוקן אַלץ ארום:
א טוי א רונדער שימערט אויף א צווייגל,
א בלימל בלויט אין גאָלדיק-העלער זון;

א גרעזעלע אַ בויגיקער זיך הוידעט
אין דופטיקן, אין גלעטנדיקן ווינט;
אַ שאָטן — גרוי — זיך העפט אַזוי פאַרסודעט
צום ווייסן פוס פון אַ בעריאָזע — גרין;

א שמעטערל עס פאָכט אין דינעם אוויר,
א ווערעמל עס קריכט אין גראָבן מאָך;
אַ שוואַרצינקע מוראַשקעלע — צעהאַוועט —
געאייליק טראָגט זיך — מיט א שטרוי באַיאָכט — — —

אזוי דאָ זיצן, יעדן טאָג, אין שווייגן,
אין לויטערער באַטראַכטונג פון דיין וועלט;
און ווערטער פרומע, האַרציקע פאַרשרייבן,
און שורה׳לעך, וואָס קוועלן פון דער זעל;

א יעדן טאָג דערשרייבן דאָ אַ סטראָפע
פון אלעם דעם, וואָס נייגער מיינעם וועקט — —
ביז טאָג, וואָס איז שוין — סוף פון אלע סופן,
ביז שעה, וואָס איז שוין — ענד פון יעדן וועג — — —

אין א שטילן ווינקל

עס איז שוין באלד ניטאָ וווהין אנטרינען
פון אָ-דעם טעמפּן מאַשינאָוון טומל;
איך דאָ, אין וואלד, ער דרינגט אין זעל, אין זינען
און — מאכט מיר קאַליע מיין געמיט מיין פרומען.

איך האָב זיך קוים פון שטאָט אהער געראַטעוועט
(צוליבן טומל קען איך דאָרט ניט שרייבן);
נאָר אויטאָס, באָסעס פון מיין שטימונג שפּעטן
און מיט געוואַלדן אויך פון דאַנען טרייבן.

איז לאָז איך זיך אַלץ טיפער צווישן ביימער;
עס איז פארנאַכט, אין הייסן מאָנאט יולי;
מיט יעדן שפּאַן דער וואַלד, ער ווערט געהיימער,
מיט יעדן טראָט — מיט סודות ווערט ער פולער.

און אָט־אָ בין איך ווייט אין אים פארגאנגען,
דערזען זיך דאָדערט אין א שטילן ווינקל, —
מיט גרינע צווייגן רונדאַרום באַהאַנגען,
מיט בלויע הימלען איבער זיי צעווינקלט;

מיט העלער זון צעלויכטן דורך די צווייגן,
מיט וואָלקנדלעך מיט ווייסע אין די הייכן;
און — ס׳האָט אַ פרייד גענומען אין מיר שטייגן,
און — ס׳האָבן ווערטער אויפגעזונגען ווייכע:

ווי וואונדערלעך די שוויַיגעניש ארום איז,
קיין בין-געזשום, קיין פייפן פון א פויגל;
בלויז גראָבע גראָזן, וואַלדיש ווילדע בלומען,
און שטאַמען גלייכע, שטאַמען — איינגעבויגן.

אַט הנדלט זיך מיט זיין קאַליר אַ קווייטל,
אַט וויגט זיך לייכט אין לינדן ווינט אַ בלעטל;
און שאָטנס לאַנגע חלומדיק זיך שפּרייטן
אויף מאַכענע, אויף פּוכיק־ווייכע בעטן.

איך שטיי פאַרטייעט, קוק אַלץ אַ פאַרגאַפטער
און — דרינג אַדורך די נידערס מיט די רוימען,
און — זאַפּ זיך אָן מיט דופטן און מיט זאַפטן,
און — נעם זיך אָן מיט צמח און מיט דומם.

די טונקלקייט, זי ווערט דערווייל געדיכטער,
די זון אין מערב איז שוין לאַנג פאַרזונקען;
נאָר טיף אין מיר איז איצטער אַזוי ליכטיק,
מיין גאַרער יש — מיט זעאונג אָנגעטרונקען.

אַט זע איך שוין אַ שטערנדל — צעפינקלט,
אַ ווייטע וועלט אין פינצטער־קאַלטע ספערן . . .
ער גריסט מיך דאָ, אין אַ־דעם שטילן ווינקל,
איך גריס צוריק: אַ גוטן אָוונט, שטערן!

איך בין פון שטאָט אַנטרונען

איך בין פון שטאָט אַנטרונען,
פון גאַסיקן געהילך,
פון טראָקישע געברומען,
פון באָסישן געבריל.

די שטאָט איז מיר דערגאַנגען
די יאָרן מיט די טעג
מיט רעדערשע געקלאַנגען,
מיט מענטשישן געיעג.

אין שרייענדיקע אויטאָס,
איז רוישיקן טראַמווײַ
א פינצטערער דער טויט פּאָרט
און — קאָסיעט מאַן און ווײַב.

מיט מויערן מיט הויכע
באַוואַקסן ליגט די ערד,
און מיט פאבריקן-רויכן
דער הימל שפּרייט זיך שווער.

און מענגעס, מענגעס אײַלן
נאָך דאָלארדיקן גליק,
און רונדאַרום אויף מײַלן
אַ שטויב אַ גרויער שטיקט.

און אין א פּאַרק עס דרעמלט
א טרעמפּ אַן אַלטער — מיד,
און זעט אין שלאָף א זעמל,
אַ קאַווע — פּעט פאַרברייט.

און אין אַ טוכלען קעלער
אַ קינד עס זיצט אַליין
מיט אַ געזיכט אַ געלן —
אין הונגער און געוויין.

און אָט— אַ טאָג פאַרזונקען
אין מערבדיקן תהום;
מיט נעאָן-שיין באַטרונקען
אַ נייע נאַכט קומט אָן

(מיט קראַנקע אין שפּיטאָלן —
אויף בעטן אויסגעלייגט;
מיט פּיינען אָנגעקוואָלן,
אין ווייטיק דורכגעווייקט;

מיט מערדער אין אַ טורמע,
וואָס טרוימען פון אַנטרין;
מיט טרינקהייזער — פול טומאה,
מיט קאַבאַרעס — פול זינד) — —

די נאַכט פאַרשפּרייט איר שלייער,
אַליץ מער די שטאָט פאַרדעקט;
פון ראָג פון יעדן ווייעט
מיט אָנפאַל און מיט שרעק.

אין הייזלעך — אָנגערויכערט —
דער וויין אין גלעזער בליצט;
אין אָרעמס פון אַ „סוחר"
אַ מויד אַ גראָבע שוויצט.

עס דרייען זיך באַנדיטן
אין תאווהדיקן טאַנץ
צום פּייקלשן געוויטער,
צום ריטשע פון דזשאַזבאַנד.

די שטאָט, זי ברענט, זי פלאַקערט
אויף שייטערן פון זנות:
אַ שיכורער זיך וואַקלט
און — מייקעט — — גום נאָך גום.

אַ גאַס-לאַמטער זיך הוידעט
אין בראַנפנדיקן ווינט:
א דיכטער אויף א בוידעם
א ליד — א קללה — שפינט:

אָ, דריי מאָל ווי דיר, ווינד דיר,
דו, רויבערישע שטאָט,
פאר הונגעריקע קינדער,
פאר פרויען-שאַנד-און-שפאָט!

פאַרשאָלטן זיי, דו, זונה!
איך אייל פון דיר אַוועק — —
אָט שטרעקן זיך שוין פלויינען
ביז ווייטן הימל-ברעג — — — —
— — — — — — — — — —

איך בין פון שטאָט אַנטלאָפן
צו פעלדערישער ברייט:
צו אַלע זייטן אָפן
אַ פאַרמער-שטוב דאָ שטייט

(געבויט פון פרישע קלעצער,
וואָס דופטיקן מיט פעך,
מיט פראָסטע טיר און פענצטער,
און מיט אַ דאַך פון בלעך).

און אָט, ניט ווייט פון דאַנען,
אַ וואַלד אַן אלטער גרינט,
מיט הויכע, דיקע שטאַמען,
אין זונגעברען פאַרשפינט.

איך קום אין אים אַריינעט
מיט אויג און אויער — וואַך:
אַ פויגל עפּעס טענה׳ט
פאַרבאָרגן ווו אין סכך;

אַ וועווערקע אַ פלינקע
אויף צווייגן יאָגט זיך אום;
און אויף אַ בלעטל פינקלט
אַ טוי אַ רונדער — פרום . . .

און אָט אַ דאָרן דאַוונט
אויף איין פאַרדאַרטן פוס . . .
א שמעטערל עס האַוועט
און — פאָכט מיר אוים אַ גרוס.

איך קוק און הער זיך איינעט,
און — גרינג אַזוי מיר ווערט:
פון הימלען — בלוי צעשייניקט,
פון גרין צעבעטער ערד;

פון טויען אויף די בלומען,
פון ראָסע אויפן גראָז,
פון יעדן בין-געזשומע,
פון יעדן ווינט-געבלאָז.

אָ, וועלדערישע שטרעקע!
אָ, פעלדערישע ברייט!
עס פלייצט פון אלע עקן
אזא מין העלע פרייד!

עס פליסט פון אלע ברעגן
אַ גליק אזא מין — העל:
און ס׳נעמט אין מיר זיך וועבן
אַ זמר — פריש צעקוועלט;

מיט ווערטער ואַרעם-ווייכע,
מיט שורות — דורכגעלעבט:
אָ, פּאָטערל אין הייכן,
פֿאַר דיר ער ווערט געוועבט! — — —

איך בין פֿון שטאָט אַנטרונען,
פֿון שטיינערדיקע ווענט
און בין אַהער געקומען
אויף בלייבן דאָ — ביז ענד,

אויף שטענדיק שוין דאָ ווינען —
מיט וואַלד און לאַן און טאָל,
מיט דאָרפֿיש פּראָסטע שכנים,
מיט פֿאַרמערישן פֿאָלק,

מיט שנייאיק ווייסע ווינטערס,
מיט פֿרילינגדיקן בלוי,
מיט זומערן צעגרינטע,
מיט אָסיענדיקן גרוי,

מיט בוים און גראָז און בלימל,
מיט קו און פֿערד און עוף,
מיט ערד און לופֿט און הימל,
מיט גאָט אין זיין אין-סוף! — — — —

פעלדישע דרויסנס

פון ענגער שטאָט

פון ענגער שטאָט, אין שטיין און אײַזן אײַנגעקנאָטן,
איך האָב צו אײַך, געראַמע פעלדער, זיך געריסן,
ווי צו דער זון זיך רײַסט א גראָז, געהילט אין שאָטן,
ווי נאָך צעבלי עס גאַרט א בוים, פון קעלט געביסן.

אין ווינטער־טעג אין שניי־ווײַסע, אין פראָסטיק־שטומע
געגרינט האָט איר אין מײַן זכרון צערטלעך־קינדיש
און פונדערווײַט געלינדערט מיר מײַן האַרבן אומעט,
און פונדערווײַט געלײַטערט מיר מײַן ווײ מײַן בלינדן.

איצט אײַלט א צוג מיט רעדער־רויש מיט שטאָליק־האַרטן,
עס אײַלט אים נאָך א פרילינג־פרײ אַ זוניבער־בלויער;
איך פאָר צו אײַך, צעגרינטע פעלדער, לאַנג געגאַרטע,
און—אָטאָ גרויט שוין פון דער שטאָט דער לעצטער מויער.

רויש, מײַן צוג

רויש, מײַן צוג, אין פאָרעניש אין גיכער;
דײַן גערויש, ער זינגט איצט אין מײַן זעל;
בלויער מאָרגן פאַרביקט אויף מיט זריחה —
ראָז און רויט און גינגאָלדיק צעהעלט.

פליִען און לאָן אין זון זיך נעמען באָדן,
ערד איז פריש און לופט איז אַזוי דין;
גרעזעלעך, מיט טויען אָנגעלאָדן,
וויגן זיך אין וואַרעם־ווייכן ווינט.

לויפט א וואלד אָן אינעם פרײ אין קלאָרן —
שטייען ביימער נאָך ניט אָנגעטאָן;
נאָר א פיקהאָלץ עקבערט שוין די קאָרע
פון א דיקן, סענקעוואַטן קליאָן.

קום איך אָן

קום איך אָן צו פעלדער — פריש צעאַקערט,
גלאַנצן זיי ביז אויסגעבלויטער ווייט;
ליגן פעלדער קעגן הימל נאַקעט
און — א ווינטל צערטלט זיי פארשייט.

שפרייטן פעלדער אָרעמס אויסעט ברייטע —
גרייט פאר ליבע, פאר באַפרוכפערונג;
קושט זיי זון מיט ליפן פלאַמיק-רויטע,
גלעט זיי זון מיט אויגן — גאָלדיק-יונג.

גרינען גראָזן דאָ און דאָרט אויף גליבעס,
שפראָצט א זאַנגל דאָרטן שוין און דאָ;
ערשטע פרוכט פון פרילינגדיקער ליבע, —
אין א גוטער, מזלדיקער שעה!

טאָג

טאָג, אין מיטן מאי, מיט בעז ער שמעקט,
הימל — זויבער-בלוי — מיט זון ער העלט;
לאָמיר, ליבסטע, היינט אוועק
ווייט אין גרינעם פעלד.

ס׳דרעמלט ווייכע ערד אויף הענט פון רו,
ס׳ווייט פון דרום-זייט א ווינטל — מילד;
ליגן מיר און הערן צו,
ווי א פויגל שפילט.

טריפט אראָפּ די זון איר הייסן וואקס
אויף א יעדן גראָז, אויף יעדן קווייט;
הערן מיר שוין, ווי עס וואַקסט
טיף אין אונז — א פרייד.

אויפסניי מיט דיר

אויפסניי מיט דיר אין אויפגעבליטן פעלד,
אין רינג פון זאַנג, מיט יערונג אָנגעכלינעט;
מיט הייסן גינגאָלד זון אין הימל קוועלט
און — גליט אַדורך אי לייב, אי זעל, אי זינען.

ווער זאָגט עס אונז: מיר זענעןביידע אַלט?
מיר זענען נאָך מיט יונגשאַפט אָנגעטרונקען!
די בליקן דיינע — מיידלדיק צעשטראַלט,
די אויגן מיינע — בחורדיק צעוווּנקען.

זאָל לעבן אַ-דער פרילינגדיקער פּרי,
די ערדישע, די דופטנדיקע הי,
אַ יעדער גראָז, מיט זאַפטן אָנגעזעטיקט!

מיט אונז צוזאַמען יום-טובן אצינד:
די בלום די ווייסע מיט דער געלער בין,
דער ווינט דער בלויער מיט די גרינע בלעטער — — — —

בליט אַן אָוונט

בליט אַן אָוונט ארום אונז אַ בלויער,
שמעקט מיט גראָז, מיט זאַנגען-ריח — דין;
רוישן גאַסן ווייט אין שטאָט אין גרויער,
דרעמלען פעלדער רונדאַרום — אין גרין.

קוקן מיר מיט אויגן ווייכע, פרומע,
ווי עס גאָלדיקט רחבותדיקער רוים;
הערן מיר: אַ ווינטל שטיפט ארומעט
מיט די בלעטער פון א נאָנטן בוים.

אַ גרוס

א יעדן גראָז אין גרינער קליידונג,
א יעדן ווייסן, ראָזן קווייט
מיר ווילט זיך היינט מיט פינגער — פריידיק —
באַרירן, גלעטן שטילערהייט.

א גרוס, מיין פריינט, פון לאנגען פרישע
אין פרילינגשן, אין קלאָרן פרי:
פון הימלבלוי אַ זון טוט גיסן
איר גאָלדיק-העלן מילדן גלי.

עס זינגען פייגל, בינען זשומען,
און אויך אין מיר א זמר יערט — — —
מיט א געמיט א ליכטיק-פרומען
איך בענטש פאַר דיר דאָ גאָר די ערד.

אָ, פרילינגדיקע

אָ, פרילינגדיקע, אויפגעגרינטע ערד,
באַהעלט מיט זונליכט, איינגעהילט אין טויען,
פון שטאָט-געדויש איך קום אויפסניי אַהער
מיין גוף מיין מידן דיר אדאָ פארטרויען;

פון גאַס-געקאַך איך ברענג אַהער באניים
מיין זעל מיין מידע — רו ביי דיר דאָ טרינקען;
נאָר אויך אַדאָדערט, אין דיין שטילן קרייז,
די גאַס די האַרטע הער איך אין זיך קלינגען.

אַך, ווי מקנא בין איך דאָ די קו,
וואָס רוט זיך זאָרגלאָז אויף דיין האַרץ דיין גרינעם
און מעלה-גרה׳ט גרעזלעך אין איר רו,
און פון איר פּיסק עס רינט באזאכט א סלינע.

אַך, ווי מקנא בין איך דאָ דעם בוים,
וואָס שטייט אין דיר פארוואָרצלט אזוי זיכער
און שטרעקט זיין קרוין אין רחבותדיקן רוים
אָן שרעק פאר בליצן, דונערן און ווּיכערס.

אַך, ווי מקנא בין איך דאָ דעם שטיין,
וואָס פרעמד אים זענען קרענק און נויט און דאגות,
און ס׳ליגט זיין גרויער, שטייניקער געביין
ארומגעשפינט מיט אַזאַ טיפן שווייגן.

ווי שיין

ווי שיין איז בלויע הימל-ברייט אויף ערד מיט גרין באַשפּינטער,
פאַרביי מיין באַן עס איילט א וועלט א זאַפטיק אויפגעגרינטע;
פאַרביי מיין שויב עס יאָגט א פּרי א זוניקער, א קלאָרער — —
אַ הייטערער, אַ מונטערער איך קום אהער צופאָרן.

עס נעמט מיך אויף אַ וועג אַדאָ אַ פעלדישער, אַ שטילער,
ער פירט מיך אין א וואלד אריין — פאַרבעט מיט שאָטנס קילע;
ער ברענגט מיך צו דאָ צו א שטוב אין ראָד פון צאַרטע קוויטן,
וואָס גריסן מיך מיט פאַרביקייט און ריחות פאר מיר שפּרייטן.

ארום דער שטוב עס הויערן בעריאָזעס, דעמבעס, קליאָנען
(און אויך אַ יעל אַן איינציקן איז כדאי דאָ צו דערמאָנען);
דערביי עס גלאַנצט אַ וואסערל און פליסט אווו, און — ניגונט,
און אויף א צווייג א פויגל זינגט און — טוט אין ווינט זיך וויגן.

איך זיץ א ווייל אין שטוב און קוק דורך פענצטער — אויפגעעפנט —
צו יעדן בוים, באַהאַנגענעם מיט בלעטערוואַרג אַ שפע;
איך עס דערנאָכדעם פרישטיק אָפּ און לאָז זיך גרינג ארויסעט
אויף א שפּאַציר א פריידיקן אין זומערשן אינדרויסן.

איך בלאָנקע לאַנג אין וואַלד ארום, אויף הייכן און אין טאָלן,
פאַרגעסן זענען נויטן איצט און שטאָטיש-האַרטע עולן;
פאַרגעסן זענען קרענק אַצינד און זאָרגעניש, און שרעקן — —
און אין מיין זעל אַ זמר נעמט, א לויטערער, זיך וועקן — —

ווי שיין איז בלויע הימל-ברייט אויף ערד, מיט גרין באַשפּינטער,
פאַרביי מיין באַן עס איילט א וועלט א זאַפטיק אויפגעגרינטע;
פאַרביי מיין שויב עס יאָגט א פּרי א זוניקער, א קלאָרער — —
אַ הייטערער, אַ מונטערער איך קום אַהער צופאָרן.

בלויקייט אין רוימען

בלויקייט אין רוימען און גרינקייט אויף ערד,
יוני-פרימאָרגן צעזונטער:
קום איך פון גאַסן פון ענגע אַהער
יונג, ווי דער יוני און מונטער.

גריסן מיך פייגל אין פעלד און אין וואַלד,
גריסן מיך גראָזן און קוויטן:
שלענגלט אַ שליאַך זיך מיט גינגאָלד באַשטראַלט,
ציט באַרג ארויף זיך — אַ ברייטער.

שטייט א בעריאָזע ביים זייט פונעם שליאַך,
שפּילט מיט די בלעטער אווינטל:
זעץ איך זיך צו דאָ מיט אויערן — וואַך,
האָרך איך מיט אויגן — צעפינקלט . . .

בין איך שוין אויבן, אויף באַרגישן קאָפּ,
ווייטן — אויף מיילן אַזויפיל:
קוק איך צו ווייטן צו אַלע אַראָפּ,
פול מיט פאַרגאַפ, ווי אן עופל . . .

בלויקייט אין רוימען און גרינקייט אויף ערד,
יוני-פרימאָרגן צעזונטער:
קום איך פון גאַסן פון ענגע אַהער
יונג, ווי דער יוני און מונטער.

כ׳בין געפאַנגען

כ׳בין געפאַנגעז פון דער בלויער נאַכט,
ווער באַהיט פון זילבערנער לבנה,
אויכעט שטערן שטייען אויף דער וואַך, —
גאַלדן מיר אין אויג אַריין, אין פנים.

כ׳גיי אַרומעט איבער וועגן — שטיל,
קוק זיך צו און טו, פאַרטייעט, האָרכן:
אויף אַ גראָז א טוי עם פינקלט קיל,
מיט א בלאַט א ווינט א לייכטער שאָרכעט.

כ׳גיי ארומעט, ווי אין טרוים, און בליק:
סודותדיק א פלעדערמויז עם פליגלט,
כישופדיק א פייערפליג עם בליצט,
אין א קוואַל א שטערנדל זיך שפיגלט . . .

כ׳גיי ארומעט, ווי אין טראַנס, און הער:
ס׳וויינט א סאָווע ערגעץ אויף די ביימער,
ס׳רופט א פויגל ערגעץ אין די בערג,
ס׳הילכט אַן עכאָ אָפּ ווו א געהיימער — —

כ׳בין געפאַנגען פון דער בלויער נאכט,
ווער באַהיט פון זילבערנער לבנה,
אויכעט שטערן שטייען אויף דער וואַך, —
גאַלדן מיר אין אויג אַריין, אין פנים.

ברייטער, גרינער זומערדיקער פעלד

ברייטער, גרינער, זומערדיקער פעלד,
זאַנג און בלום — מיט טויען אָנגערעגנט;
ווידער שפּאַן איך מיט א פּנים — העל —
אַ פרימאָרגן — זויבער-בלוי — אַנקעגן.

האָב פון שלאָף פון לייכטן זיך צעוועקט
מיטן ערשטן פייגל-קלאַנג אויף צווייגן;
האָב דערזען: פון קלאָרן מזרח-ברעג
גאָלדיק-שטראַליק נעמט א זון אויפשטייגן.

פול מיט ווייַן, געשיכורט האָט די לופט,
און א ווינטל האָט געבלאָזן דופטיק;
איז געוואָרן גרינג אַזוי דעם גוף,
איז געוואָרן דער נשמה לופטיק.

האָב איך זיך אין פעלד ארויסגעלאָזט,
ווינטלדיק אינוויט אַוועקגעוואָגלט;
און די זון האָט בוים און זאַנג און גראָז
מיט איר גינגאָלד אלץ מער אָנגעלאָגלט.

זון, דו גרויסער, פייערדיקער ראָד,
אינעם אָנענד מאַניענדיק צעהאַנגען,
מיט דיין שיין באלויכט מיר יעדן טראָט
און באגלייט מיך אויף מיין יעדן וואַנדער — — —

ברייטער, גרינער, זומערדיקער פעלד,
גראָז און קווייט — מיט טויען אָנגערעגנט;
ווידער שפּאַן איך מיט א פּנים — העל —
אַ פרימאָרגן — זויבער-בלוי — אַנקעגן.

אין פעלד

א

ויצא יצחק לשוח בשדה.
חומש.

עס רוישן שוין אין האָוועניש די גאַסן
אַדאָרט, אין שטייג פון שטיינערדיקער שטאָט;
נאָר דאָ, אין פעלד, מיט מאָרגן-זון באַוואַשן,
איז אַלץ געהילט אין שלווה און גענאָד.
איך גיי א גרינגער מיט א וועג א ברייטן
און קוק זיך צו צום ליכטיקן אַרום;
פון ביידע זייטן ביימער מיך באַגלייטן
און גאָלד פון זאַנג, און פאַרביקייט פון בלום.
איך גיי און קוק צו אַלעם דעם — באַטויאיקט,
איך הער זיך איין אין פייגלשן געשפּיל;
און אין מיין זעל, צעזוניקט און צעבלויאיקט,
א פרומער זמר וועבט זיך אינדערשטיל.

ב

כי האדם עץ השדה.
חומש.

פאַרנאַכט פאַרלאָז איך מידן רויש פון שטאָט
און שפּאַן אוועק אין שטיל באַרוטן פליין;
פון יעדער זייט באַגלייטן טוט מיך גאָט
און ביי א בוים ער בלייבט דאָ מיט מיר שטיין.
אַן אַלטער דעמב, מיט קאָפּ — אין יונגן גרין,
מיט יעדן בלאַט — אין זונגעברען צעהעלט;
ווי קאָפּ זיינער, מיין זעל עס גרינט אַצינד,
און פון איר טיף א תפילה העל עס קוועלט.
איך שטעל זיך דאַוונען מינחה נעבן דעמב,
אַן אייגן מינחה — יידישער סאָנעט — —
און אַלץ ארום מיין תפילה עס פאַרנעמט,
און אַלץ ארום באַגיטיקט מיין געבעט.
דער טאָג פאַרגייט. אַן אָוונט זיך צעבליט — —
און אין מיין זעל גייט אויף א מעריב-ליד.

ג

נאָך טעג אַזויפיל כמאַרעדיקע, טריבע,
אין גרויער שטאָט, געבייטשט פון קאַלטן רעגן,
אַ טאָג אַזאַ א זוניקער, א ליבער
האָטביידן אונז אין גרינעם פעלד באַגעגנט.

מיר זענען לאַנג אין באַן אַהער געפאָרן,
דורך באַרג און טאָל, דורך וועלדער דורך געדיכטע;
זיך אָנגעשיינט מיט וואַסערן מיט קלאָרע,
זיך אָנגעהעלט מיט לאַנען — אָפּן-ליכטיק.

איצט זיצן מיר אין ברייטן פעלד, אין גרינעם
און — זאַפּן אָן זיך מיט אַלץ נייע פריידן:
מיט פייגל-קלאַנגען, מיטן זשום פון בינען,
מיט זאַנגען-ריח, מיטן דופט פון קווייטן;

מיט וואָלקנדלעך מיט ווייסע אין די רוימען,
מיט הויכע, שלאַנקע, שמעקעדיקע הייען;
מיט ביימערישע, בלעטערפולע קרוינען,
מיט אַלץ, וואָס קען א מענטשנס האַרץ דערפרייען . . .

איך זיץ און קלער: עס איז אָפּט ווייניק נויטיק,
דו זאָלסט אַדאָס, וואָס רופט זיך גליק, דערשפּירן:
א פליגל-פאָך אין הימל אין צעבלויטן,
א גרעזעלע, וואָס טוט אין ווינט זיך רירן;

א פלאַטערל אין פילקאָלירטער קליידונג,
א בליק פון דיר, מיין גוטע, מיין געטרייע:
אַדאָס-אָ פעלד, אַוווּ מיר זיצן ביידע,
אַדער-אָ טאָג, דער לויטערער, דער פרייער — — —

אין די בערג

א

פון בערג פון הייכע, טונקל-גרינע,
פון הימלען טיפע — בלוי-געשטרעקט
אַראָפּ איז היינט א פרייד א גרינגע
און — האָט פון שלאָף מיך אויפגעוועקט.
בין איך, מיט פרייד ארומגעקלאמערט,
פון ענגן שטיבל גיך ארויס:
דערזען א דרויסן אזא גראמען,
א זון אין מזרח — אזוי גרויס.
א ווינט האָט מיך ארומגענומען
מיט וואַרעמע, מיט ווייכע הענט:
מיט ראָזער זריחה אָנגעברונעמט,
צו נאָנטע בערג האָב זיך געווענדט.
גענומען באַלד אויף זיי זיך הויבן
מיט יינגלשע, מיט לייכטע טריט — — —
און ס׳האָט מיט מיר זיך אויפגעהויבן
אַ טויאיקע, א פרישע ליד.

ב

איך קלעטער באַרג ארויף צו זען ווי זון פארגייט,
דער הימל איז באצירט מיט וואָלקנס — פילקאָלירן:
איך קלעטער באַרג ארויף מיט נייער, גרינגער פרייד
און — ס׳בליט באַניים מיין זעל מיט חלום און מיט שירה.
א פרומקייט זינגט ארויס פון יעדן גראָז און בוים,
מיט פרומעניש עס טריפט א יעדער בלאַט און צווייגל:
איך קלעטער בארג ארויף צום פילקאָלירטן רוים
און—אויך מיין פרייד, זי טוט אַלץ העכער, העכער שטייגן.
איך שפיר דיין אָטעם איצט, באַשעפער פון דער וועלט,
אין יעדן בוים און בלום, אין יעדן גראָז איך שפיר אים:
פון יעדן גרויעם שטיין א העלקייט אין מיר קוועלט
און — ס׳בליט באַניים מיין זעל מיט חלום און מיט שירה.

ג

א שטורעם אין די בערג. דער הימל איינגעהילט איז
אין כמאַרעס אין געדיכטע — שוואַרצע, טונקל־גראָע;
די שווערבלדיקע לופט מיט בליצן העל צעשפּילט איז,
און דונערן זיך ראָלן — גבורהדיק און דראָענד.

א שטורעם אין די בערג. די ביימער ווילד זיך וואַרפן
מיט וויינענדיקע צווייגן, שרייענדיקע בלעטער:
פון א צעברילטן דונער, פון א בליץ א שאַרפן
אַ קליאָן געטראָפן ווערט, א דעמב עס ווערט צעשמעטערט.

א שטורעם אין די בערג. מיט ביטשן גראָבע, לאַנגע
דער רעגן, פול רציחה, שמייסט אי הייך, אי נידער;
עס בויגן זיך אין אימה הייען, גראָזן, זאַנגען,
און ניט איין צאַרטער קווייט א טויטער פאַלט אַנידער.

א שטורעם אין די בערג. און טיפע נאַכט איז איצטער.
איך זיץ אליין אין שטיבל מיט אַ הארץ — פאַרטייעט;
איך קוק דורך שויבן — נאַס — אין דרויסן אין צעבליצטן
און — פול עס איז מיין בליק מיט וואַסער און מיט פייער — — — —

קאָרנבלימלעך

(א זומער־דערמאָנונג)

ווען כ׳לאָז זיך אום זומער שפּאַצירן
אין פעלד ווו, מיט בלומען צעבעטן,
גייט אויפעט פאר מיר אַ פּאַסירונג
פון יאָרן צוריק אין א שטעטל.

א יינגל איך בין דאן געוועזן —
אַ בלייכער, אַ שטילער, א פרומער;
אין שטעטלס ישיבה געזעסן —
מיט לערנען כסדר פארנומען.

און קראַנק בין געוואָרן פון צופּיל
פארברענגען אין יענער ישיבה;
און ס׳האָט זיך גענויטיקט מיין גופל
אין פרישקייט פון פעלדישער סביבה.

אַזוי האָט אַ דאָקטער גע׳עצה׳ט:
אינדרויסן וואָס לענגער פארווייל,
מיט פליינען פון קאָרן, פון ווייצן,
מיט גראָזן, מיטביימערשע מיילן.

האָב איך די גמרא פארביטן
אויף „בלעטער״ פון ביימערשע „ספרים״,
אויף ברייטן, מיט ברויטן צעבליטע,
אויף בלימלעך אויף בלויע אין קאָרן.

און ס׳האָט מיך באַגלייט אויף מיין שפּאַנען
א מיידל פון שטעטל פון יענעם —
פון הויז, ווו קוואַרטיר בין געשטאַנען;
א מיידל — פון שיינהייטן שענער.

יהודית געווען איז איר נאָמען,
א קינד נאָך — אין עלטער אין מיינעם:
מיט לאָקן מיט שוואַרצע, מיט פּנים,
מיט אבער מיט יעדן — צעשייניקט.

א קינד נאָך — איז מעג זי באַגלייטן
אַ יינגל, ווי איך, צווישן זאַנגען:
האָט טאַקע איר מוטער אונזביידן
געלאָזט דאָרט — אויף שעהן אויף לאַנגע.

און גוט איז געווען אונז איניינעם —
צוויי קינדער, פון עולן באַפרייטע, —
אויף ברייטע, צעזומערטע פליינען,
מיט ברויטן מיט הייכע — שוין צייטיק.

מיר האָבן צוזאַמען געשפּילט זיך,
געיאָגט זיך נאָך שמעטערלעך — פאַרביק,
אין קאָרן אין רייפן געהילט זיך,
געקוויקט זיך מיט דופטן דין-האַרבע — — —

און איינמאָל מיר זענען פאַרגאַנגען
גאָר טיף אינעם קאָרן אין הייכן:
געטרונקען אַדאָרט פון די זאַנגען
די דינע, די וואַיניקע ריחות:

און בלימלעך געפּליקט מיט התמדה —
צאַרט-בלויע, מיט בלעטלעך, ווי סאַמעט:
און ס׳האָט מיך ביים פליקן ביי אַ-דעם
אַ שפּירונג א מאָדנע פאַרקלאַמערט.

כ׳האָב אלעם ארום זיך דערזען דאַן
מיט אויגן מיט נייע — פול וואונדער:
ווי רייציק דער זומער עם בלענדיקט
פון זאַנג פון א יעדן ארונטער:

ווי שיין איז דער הימל דער ריינער,
ווי הערלעך — די זון אין זיין מיטן;
און אַ-די יהודית ווי שיין איז
מיט אבר מיט יעדן צעבליטן.

און ס׳האָט זיך דערוועקט אין מיין האַרצן
אַ ווילן צו גלעטן איר פּנים,
צו גלעטן די האָר אירע שוואַרצע,
און — כ׳האָב טאַקע דעמאָלט געטאָן עס — — —

יהודית — זי האָט זיך דערשראָקן:
— וואָס טוסטו? באַגייסט אַן עברה!
נאָר איך האָב די פּעך-שוואַרצע לאָקן
געגלעט אַלץ — אָן אָפּהאַלט, אָן מורא.

יהודית — זי האָט מיך געוואָרנט:
— גאָט זעט דאָך! באַשטראָפן ער וועט אונז!
נאָר איך האָב אין דופּטיקן קאָרן
איר פּנים איר שיינעם געגלעט אַלץ — — —

נאָר נאָכדעם, ביינאַכט, אויף מיין סטאַנציע,
א שלאָג האָט געטאָן מיר אין שאַרבן:
וואָס האָב איך געטאָן? האָב אינגאַנצן
אין זינד אויסגעשמירט זיך אין האַרבער.

וואָס האָב איך געטאָן? די גמרא
פאַרביטן אויף פעלדער אויף פרישע,
אויף בלימלעך אויף בלויע אין קאָרן,
אויף עפּעס אַ מיידל, אַן אישה.

וועט גאָט מיר געווים ניט פאַרגעבן,
אויב איך וועל אויך ווייטער פאַרטווישן
מיין פרומען, מיין לערנערשן לעבן
אויף מיידלעך, אויף קווייטן, אויף דרויסנס.

בין איך מער אין פעלד ניט געגאַנגען,
פאַרלאָזן דעם הימל דעם ריינעם,
פאַרלאָזן די זון מיט די זאַנגען,
פאַרלאָזן יהודית די שיינע:

און האָב זיך אין שטעטל אין יענעם,
אין יענעם ווייט-יינגלשן זומער,
מיט אייפער — גאָר גרוים און גאָר ברעניק —
צום לערנען באַנייעס גענומען — — —

אויף אַ שטיין

א

געזעסן שעהן אויף אַ שטיין
אין רינג פון גרינעם זומער-פליין,
געקוקט, ווי שיין עס איז די וועלט
און — ס׳האָט אין מיר אַ ליד געקוועלט.

פון יעדן בוים, פון יעדן גראָז,
פון יעדן ווינטלס מינדסטן בלאָז,
פון יעדן פויגלס דינסטן קלאַנג, —
עס האָט אין מיר געיערט געזאַנג.

ווי שיין דער רוים איז אין זיין בלוי,
ווי שיין עס איז דער רונדער טוי,
ווי שיין עס איז דאָס זונענליכט,
אַ ווערעמל — ווי שיין עס קריכט.

ווי שיין איז אַלץ און פול מיט סוד,
און איך מיט דעם, וואָס רופט זיך גאָט;
דאָס סאַמע גרעסטע, סאַמע קליינס,
און אַ-דער שטיין — — און איך אליין — — —

דער טאָג האָט זיך דערווייל גערוקט,
די זון — צו מערב זיך געבוקט;
געקלעטערט האָבן שאָטנס — ווייך —
צו ביימער-קרוינען אינדערהייך.

דאָס גאָלד פון פליין איז ווו אַוועק,
בלויז קעפּ פון בערג — מיט גאָלד באַדעקט;
אין טאָלן ווערט שוין טונקל, נאַכט,
נאָר דאָרט, אין מערב, זון נאָך וואַכט — —

און איך בין אַלץ געזעסן — שטיל,
געקוקט, ווי זונליכט פינקלט, שפּילט,
געבליקט, ווי זונראָד שײַניקט, בלענדט
און — הינטער זונראָד ווײַט געזען.

געוואַנדערט לאַנג דורך שטח, צײַט,
באַהאָפטן זיך מיט טיפסטער ווײַט,
געוואָרן אײנס מיט גאָרן אַל
און — פרייד עס האָט אין מיר געשאַלט:

איך, מענטש, — אַ שטויב אין אוניווערז, —
פאַר מיר איז קײנזאַך ניט פאַרווערט:
אָט זײַן איך דאָ און — רײַז אַרום
דעם גאָרן רוים, ווי ערד, ווי זון.

אָט זײַן איך דאָ און — בין אויך דאָרט,
אין יעדער צײַט, אויף יעדן אָרט
און נעם אַרום פון אָ-דעם שטײַן
דעם גרענעצלאָזן וועלט-געבײַן.

ב

ווי שיין עס איז א זומערדיקער טאָג,
א לויטערער, — אין פריש צעגרינטן פעלד;
דו זיצט אדאָ פון נויטן ניט געיאָגט
און פריי, אָן זאָרג, באַטראַכסטו זיך די וועלט:

די הימלען — בלוי ביז ווייטן האָריזאָנט,
די זון אינמיטן — אַזוי העל צעשפּילט;
א יעדן בוים — אין בלעטער אָנגעטאָן,
א יעדן קווייט — אין פאַרבן איינגעהילט;

די בערג, די טאָלן, — אין א ברייטן רינג,
מיט ריזן־שטיינער איבער זיי — צעזייט;
דו זיצסט אדאָ אין וווּנדער איינגעשפּינט
און — פילסט אין זיך א ליכטיק־פרומע פרייד — — —

נאָר שענער נאָך, נאָר וווּנדערלעכער איז
א זומערנאַכט אַ זויבערע אין פעלד;
אָט קומט זי אָן — אַ טויעדיקע, פריש,
מיט ווילגערוכן רייציק אויפגעקוועלט

און טרעפט דיך דאָ, א שטילן, אויפן שטיין;
דו זיצסט און קוקסט מיט גאַפעניש אין אויג
אין הימלדיקן טונקל־בלויעם פליין, —
ביז ראַנד פאַרזייט מיט שטערנדיקן רויג:

בייטאָג דו זעסט נאָר מאַמע־ערד און זון,
און גאָרער אָנענד איז פאַר דיר פאַרשטעלט;
אַצינדערט אָבער שימערט רוימען־רונד
מיט וועלטן פיל — צעגאָלדיקט און צעהעלט.

אזויפיל וועלטן — ביזל סאַמע זוים!
און ווייטער נאָך, אין ספערן — אָן אַן עק!
דו זיצסט און קוקסט אין רחבותדיקן רוים
און אין דיין זעל אַ פּאַרכטיקייט זיך וועקט.

ערשט איצטער נעמסטו אָנען גאָט ארום —
אין גאַרן פעלד, אין גאַנצן הימלראָד;
די אַלע וועלטן — אַנסטו איצטער פרום, —
באַשאַפן האָט זיי ער דאָך — דער אחד;

די אַלע וועלטן — פילסטו איצט אין זיך, —
זיי זיינען דאָך די ווערק פון אלוהים;
פון אים — דער חושך און פון אים — דאָס ליכט
פון אים — דאָס אַלעם און אויך דו — פון אים — — —

און ס׳דרינגט איז דיר א גרויסע פרייד אריין —
פון אַלץ ארום אין אַ־דער זומערנאַכט;
און זינגען נעמסטו א געזאַנג, פול שיין,
צו דעם באַשעפערס צויבערלעכער פּראַכט.

עס האָט מיך היינט

עס האָט מיך היינט א צי-געטאָן צו שטילע פעלדער,
באַפינקלטע מיט האַרבסטיקן, מיט קאַלטן טוי:
צו פילקאָלירטע, אָסיענדיק פארקלערטע וועלדער,
מיט ברייטע רוימען איבער זיי — אין טיפן בלוי.

אָ, פעלדער—האַרבסטיק, וועלדער, פול מיט אָסיען-שווייגן,
איך האָב אייך היינט דערזען פאר זיך אזוי צעהעלט, —
אַדאָ אין שטאָט, מיט אירע גרויע גאַסן-שטייגן,
אַדאָ אין ענגער שטיין-און-שטאָל-און-אייזן-וועלט.

איך פלאָג זיך דאָ אין דעם געהאַווע אין דעם דולן,
איך פיין זיך דאָ אין דעם גערויש — בייטאָג, ביינאַכט
און כ׳זע פאר זיך אלץ אייערע באַרוטע גבולן,
און כ׳זוך צו אייך אלץ, פעלדער, וועלדער, אזאַ שליאַך,

וואָס זאָל פונדאנען מיך פארנעמען שוין אויף שטענדיק,
דערפירן מיך אויף תמיד שוין צו אייער ראָד — —
— — — — — — — — — — — — — — —
איך האָב אייך היינט דערזען פאר זיך אזוי צעבלענדיקט —
מיט אייער פרייקייט, אייער שלווה, אייער גנאָד.

בלאָנקע איך

בלאָנקע איך אליין אויף לאַנען
פון פרימאָרגן האַרבסטיק־האַרבן;
זע איך גראָזן — ווי זיי וויאַנען,
זע איך בלעטער — ווי זיי דאַרבן.

קראַקען שוואַרצע, דיקע קראָען
אין די בלויע, קאַלטע רוימען;
הילט פארנאכט אין שאָטנס גראָע
העלע, ראָזע, ברוינע בוימער.

קוקן בוימער, ווי א שקיעה
(מיט פאַרוויינטע, רויטע אויגן)
שליסט אין מערב אירע וויעס
און — מיט אָוונט ווערט פארצויגן.

טוט אַ ווינט

טוט א ווינט אויף מיר אַ וויִיע,
רוימט אין אויער מיר אריינעט:
ס׳עט א זון דיך נאָך דערפרייען
מיט איר גאָלדיק־העלער שיינונג.

זע איך שוין די העלע רגע,
פריי איך זיך שוין מיט איר שטראַלונג;
ווערן גרינגער אָסיענוועגן,
אַרט ניט מער וואָס בלעטער פאַלן.

דאַנק איך ווינט פון האַרץ פון טיפן,
שפּאַן איך ווייטער — לייכט און מונטער — — —
העלע רגע נעמט שוין שיפן
פונדערהייך צו מיר ארונטער.

וואַלקנס, וואַלקנס

וואַלקנס, וואַלקנס, — פול מיט זיי דער הימל.
ביימער, ביימער, — הויכע, דיקע ווענט.
אָונטן שוואַרצער — אָן אַ שטערן-סימן.
וואַלד געדיכטער — ווו דיין אויג זיך ווענדט.

אָונטן בלינדער אינעם טיפן וואַלד דאַ.
איז ווער איצט אַזוי, ווי דו, אליין?
ס׳טוט אַ בליץ, אַ דונער זיך צעגוואַלדעט
און — אַ רעגן הייבט אָן לאַנגזאַם גיין.

נעמט זיך שטאַרקן, פאַלט אַלץ מערער, מערער,
הוידעט איין אי וואַלד, אי נאַכט, אי דיך — —
וואַלקנס, וואַלקנס, — אָן אַ סימן שטערן.
ביימער, ביימער, — פינצטער און געדיכט.

הימלען

הימלען — מיט בלויקייט מיט בלאַסער באַגאָסן,
ערדן — מיט בלעטער מיט ברוינע באַדעקט;
נעמט מיך, אַ, ווענן, אויף מיטה פון אָסיען,
טראָגט מיך צו קבורה צו העלער אַוועק.

ס׳נויגט זיך די זון שוין צו מערבשע ראַנדן,
שטראָמט שוין מיט ראָזן, מיט שקיעהשן בלוט;
שפּיצן פון הייכן — מיט אָפּגיי באַהאַנגען,
טיפקייט פון טאָלן — מיט פּטירה באַרוט.

קראַנקע בעריאָזעס מיט קרוינען פאַרבליטע,
קליאָנען פאַרצאַנקטע מיט נאַקעטע קעפּ — —
נעמט מיך, אַ, ווענן, אויף האַרבסטיקער מיטה,
טראָגט מיך צו קבורה צו רויטער אַוועק.

אלול

העפטן היינט מיין אויג אויפסניי צו הייכן אויפגעבלויטע —
טריפן זאָל דאָס טיפע בלוי אין גוף און אין נשמה;
און א ליד מיט ווערטער ווייכע, שורות — דין און לויטער, —
אין די אברים אלע מיינע זאָל זיך גרינג צעשטראָמען.

שטראָמען גאָלד עס פליסן היינט אויף נאָנטן און אויף וייטן,
זוניק-העל דער מאָרגן איז — אויף ערדן און אין רוימען;
אָטעם, האַרבסט, אריין אין מיר דעם דופט פון זאַנגען — צייטיק,
טרינק מיך אָנעט מיטן ווייַן פון רייפע עפּל, פלוימען.

גאָלדיק-רייפער אלול-פרי אויף פעלדער — פול מיט גאַרבן,
וואַיניק-האַרבער אלול-טאָג אין סעדער — פול מיט פרוכטן;
אויף די גראָזן פינקלען טויען אזוי ריין און פארביק,
אויף דיביימער פייפן פייגל אזוי פריש און לופטיק.

פריש און לופטיק שפּאַן איך היינט אויף וועגן זוניק-העלע,
זאַפּ זיך אָן מיט קלאַנג און ריח, קוויק זיך מיט קאָלירן — —
און מיין גוף, ער נעמט אלץ מער מיט תפילה זיך צעקוועלן,
און מיין זעל, זי נעמט אלץ מער צעשאַלן זיך מיט שירה — — —

ווי חלומות

ווי חלומות קינדיש-צאַרטע, שווימען
ווייסע וואָלקנס אינעם בלויעם רוים;
גאָט! איך וויל דיר אוים תפילה׳ן אַ הימען
מיט אַ יעדן ברענענדיקן בוים.

שיין דיין וועלט איז, איבערפול מיט וווּנדער,
וווּנדערלעכער אינעם שטרענגן האַרבסט,
ווען דיביימער שטייען אָנגעצונדן,
און מיט מחזור ברויזיק איז דאָס האַרץ.

תשרי-טעג. אַוועק איז שוין דער זומער.
אויף די פעלדער גאָלדיקט אַזאַ אומעט.
און אינלופטן — זילבערפעדים — דין — — —

גאָט! איך וויל דיר אויסלידן אַ תפילה
מיט די שוואַרצע פידלדיקע גרילן,
מיט געלן יעלה׳דיקן ווינט.

גוט איז שפּאַנען

גוט איז שפּאַנען איינאַליין אויף וועגן,
ווען דער אָסיען איז שוין צייטיק-העל:
אין די גראָזן מידע גרילן זעגן,
פון אַ צווייגל פאַלט אַ שוואַכער טרעל.

פעלדער ליגן ביז די ענדן נאַקעט,
געל — אַ בלעטל ווו אין ווינט זיך טרייבט;
אויף אַ דאָרן שטייט אַ קראָ און קראַקעט —
אַזש אַ שוידער דרינגט אַדורכן לייב . . .

בלייך די זון איז אינעם בלוי אין קילן,
גאָלדיק, צונטער, ברענען ביימער-בערד;
אין אַ טרויער אין אַ לויטער-שטילן
הילט זיך גאָרע אָפּגעגרינטע ערד.

סאַראַ לויטער־בלויע רוימען

סאַראַ לויטער-בלויע רוימען,
סאַראַ זוניק-העלער פרי;
געלע בלעטער אויף די בוימער,
רויטע בלעטער אין צעבלי.

דינע לופט, מיט ווייַן באַטרונקען,
שפּינגעוועבסן — זילבער-דין;
גרעזעלעך, אין טויען-פונקען,
וויגן זיך אין ווייכן ווינט.

פייגל-שאַרעס, הייך אין חלל,
פאָכען-פליען ערגעצוווּ;
איבער בערג און איבער טאָלן
גאָלדיקט אַזאַ טיפע רו.

הויל זיך וויקלען פעלדער-מיילן
ביזן קלאָרן הימלראַנד,
און די גרילן אויף זייַ פייַלן
צו דעם אָסיען אַ געזאַנג.

נעם מיך, ליבסטע

נעם מיך, ליבסטע אין די אָרעמס,
אויף דיין האַרץ מיין קאָפּ פאַרוויג:
ווי א פעלד, „באזייט״ מיט קברים,
שפּרייט זיך וועלט הײנט פאַר מיין בליק.

הוילע, דאַרע, שטייען בוימער,
נאַקעט ליגן פליין און לאַן;
רעגנדיק זיך שטרעקן רוימען
ביזן טריבן הימלראַנד.

אָפּגעהילטע, שטומען טאָלן,
אָפּגעדעקטע, שווייגן בערג;
קאַלטער ווינטל קלייבט אין פאַלע
נאַסע בלעטער פון דער ערד.

פון פרימאָרגן רק עס דעמערט,
פון פרימאָרגן רק עס גרויט — — —
אין די אָרעמס דיינע נעם מיך —
כ׳זאָל ניט זען הײנט בילד פון טויט — — — —

און ווידער

און ווידער איך בין דאָ אליין —
אין קלאָרן, אין האַרבסטיקן פרי:
מיט זונליכט — באַהעלט יעדער פליין,
די גאָרע ארומיקע הי.

די ביימער — אין רויטן געקליידט,
אין ראָזן, אין גינגאָלד, אין געל;
אַ שטילע, א לויטערע פרייד
אויף גאָרער ארומיקער וועלט.

אַ שטיבל, א טישל, א באַנק,
א בויגן פּאַפּיר אויפן טיש — —
און ס׳גייט אויף אין זעל א געזאַנג —
ווי האַרבסטיקער פרי, אזוי פריש — — — —

צו אַן אַלטן דעמב

דו שטייסט אַדאָ אין הוילן פעלד, מיין פריינט,
מיט קאָפּ — צעוויגט אין צפון-ווינט אין קאַלטן;
דו מוזט, מסתם, אויך אָנגעטרונקען זיין
מיט אָסיען-ווייַן מיט קרעפּטיקן, מיט אַלטן.

דו שטייסט און וויגסט זיך, פול געשריי, געוויין,
דו וויינסט, מסתם, אויף דיינע וועלקע בלעטער:
מע דאַרף ניט, פריינט! מע מוז דאָך ווען פארגיין,
סיי דו, סיי איך, — צי פריער, אָדער שפּעטער.

דו שטייסט און קוקסט, ווי זון אין מערב זינקט
און, שרייענדיק, זיך טרייסלען דיינע צווייגן;
איך וועל לעם דיר ניט שרייען איצט אין ווינט,
איך וועל אצינד נאָר שטיין לעם דיר און שווייגן.

דו שטייסט שוין דאָדערט זייער-זייער לאַנג,
און איך — איך יאָג אַלץ, פאָר אַרומעט, וואַנדער;
נאָר גלויב מיר, פריינט: עס איז איצט מיין פארלאַנג
צו שטיין מיט דיר אויף שטענדיק שוין באַנאַנד דאָ.

נאָר שטיין אזוי — אין רוישן און אין רו,
אין זומער-היץ, אין ווינטערדיקע שנייען;
און אָסיען-צייט — פארוועלקן גלייך, ווי דו,
און פרילינג-צייט — מיט פרישן בלי זיך פרייען.

דער ווינטער גייט

דער ווינטער גייט. עס פּוסטן שוין די פעלדער.
און וועלקן גראָז פאַרשטילט איז שוין די גריל.
און אָפּגעדעקטע, דורכזיכטיקע וועלדער
מען הערט ניט מער קיין פייגלשן געשפּיל.

דער ווינטער גייט. עס הוילן שוין די בוימער.
די זון, זי שייניקט מיט אַ פּנים — געל.
אַ קראָ א שוואַרצע אין די בלויע רוימען —
איר „קראַ" דערציילט פון קומענדיקער קעלט.

דער ווינטער גייט. אין אָוונט איז שוין פראָסטיק.
און שטייסטו אויף אין פּורפּורנעם באַגין,
איז ערד ארום מיט ווייס געפּריר באַראָסטיקט
און פרירִיק-ווייס איז יעדער דאַך באַשפּינט.

דער ווינטער גייט. און אין דער שטאָט ער וואַרט שוין
דיין טונקעלע, דיין אומעטיקע היים;
און פונדערווייט, מיט שווערעניש אין האַרצן,
פאַרנעמסטו דאָ איר שווייגיקן געוויין.

און מיטן בליק דעם האַרבסטיקן, דעם טריבן
דערזעסטו דאָ דורך איר אַ יעדער שויב
די שטיקער וועש, אינדרויסן דאָרט, זיך וויגן
אויף לאַנגער שטריק, — פאַרסאַזשעט און פאַרשטויבט.

און מיטן אויער אָנגעשפּיצטן, וואַכן
דערהערסטו דאָ דעם קעצישן געקלאָג
אין ברודנעם „לעין" — אין לאַנגעביידערנאַכטן,
ווען ס'דאכט זיך דיר: ס'עט קיינמאָל ווערן טאָג.

דער ווינטער גייט. אָט באַלד און דו וועסט ווידער
פאַרשליסן זיך אין שטיבל דיינעם — גרוי,
און ליגן וועסטו טעג און נעכט אַ מידער,
און שפּירן וועסטו פון דיין קרענק דעם גרויל.

און ליגן וועסט, אַן עלנטער, מעת-לעתן,
אויף שמאָלן בעטל, אין געקלעם פון ווענט,
פון אלע דיינע „אייגענע" — פאַרגעסן,
פון אלע דיינע „נאָענטע" — פאַרזען.

און ליגן וועסט, און גאַרן אין דיין אומעט
נאָך עמעצן וואָס איז ב א מ ת נאָנט;
נאָר קיינער, קיינער וועט צו דיר ניט קומען,
און שטומען, שטומען וועט דער טעלעפאָן.

און ליגן וועסט. און נאָר די נויט די האַרבע
וועט טרייבן דיך, א הילפלאָזן, אין גאַס;
און פאר דיין דינער, ציטעריקער אַרבעט
וועט דיך דער כאַם באַלוינען מיט אַ שפּאַס.

און קומען וועסטו קריק אהיים פון דרויסן
(דעם גרילציקן, מיט גלייכגילט אָנגעפילט)
דערנידעריקט, פאַרחוזקט און פאַרשטויסן
און — צופאַלן אין שטיבלדיקער שטיל

צום חבר דיינעם איינציקן און בעסטן
(מיט מילדן בליק, מיט שמייכל — גאָלדיק-העל):
אָ, זאָג מיר, פרוי, אָ, זאָג מיר, מוטער, שוועסטער:
ווי קען מען לעבן אויף אזא מין וועלט?

ווי קען מען לעבן אין אַ וויסט אזא מין
(און וועבן נאָך פאַרגלויבטערהייט אַ וואָרט)?
אָ, זאָג מיר, ווייב, אָ, זאָג מיר, שוועסטער, מאַמע, —
מאַך גרינגער מיר מיין שטייניק-שווערע וואָר!

וועט דיך דיין פרוי אַ טוליע-טאָן צום האַרצן
און — איינוויגן דיין נאָגנדיקע פּיין:
אוועק וועט גיך די ווינטער-צייט די האַרטע
און — נייער פרילינג אויף דער וועלט וועט זיין.

מיר וועלן ווידער פרייען זיך מיט פעלדער,
מיט גרינע בערג, מיט גינגאָלדענער זון,
און פייגל וועלן זינגען אונז אין וועלדער,
און ווערן וועסט, מיין ליבער מאַן, געזונט — —

וועסטו פון איר אַ-די-אַ ווערטער הערן —
וועט אין דיין זעל צעפינקלען זיך אַ ליכט:
און ס׳עט דיין יאוש, ווי א רויך ניט ווערן,
און וועסט באַנייעם גלויבן דאן אין זיך;

באנייעם גלויבן אין דיין וואָרט דיין דינעם,
באַנייעם גלויבן אין דיין צאַרטן ליד;
און וועסט זיי פריידיק ווייטער, ווייטער שפּינען:
די וועלט דיינע, זי איז נאָך ניט פארבליט — —

דערווייל אָבער א ווינטער גייט א נייער.
אַ סוף איז צו די יום טובדיקע טעג.
נעם אָפּשייד דאָ פון אַלץ, וואָס איז דיר טייער
און מאַך זיך גרייט, מיט האַק און פּאַק, אין וועג:

צוריק אין שטאָט, אין האַוועדיקער תפיסה,
צוריק אַהיים — מיט עלנטקייט באַוויט,
אויף נייער פּיין, אויף וויטיקן אויף פרישע. —
גורט אָן אויפסניי זיך מיט געדולד. זיי גרייט.

גיב מיר

גיב מיר דיין שלאַנקע, דיין ליכטיקע האַנט,
לאָמיר היינט שפּאַנען דעם מאָרגן אַנקעגן;
ס׳האָט וועך צעוויקלט אַ ווייסן געוואַנט
איבער פאַרגרויטע, פאַרעגנטע וועגן.

שימערט מיט ווייסער, מיט זויבערער פרייד —
ווו נאָר א סימן פון נעכטיקן רעגן;
לויכטן די פעלדער מיט יום טוב פאַרשפּרייט,
שיינען די שטיבער מיט שבת ביי וועגן.

וועט היינט אַ שטייפער, א ווינטערשער טאָג
זען אונז אין שפּאַנען אין גרינגן אויף וועגן;
וועט ער זיין ווייסן, זיין קלאָרן פאַרמאָג
מער נאָך צעשיטן — ביז הימלשע ברעגן.

אַ נאַכט אַ ווייסע

אַ נאַכט אַ ווייסע קוקט אַריין צו מיר אין שטיבל —
מיט אַ לבנה מיט אַ געלער אינדערהייך;
זי ווינקט צו מיר מיט שטאַרע אויגן — טיף צעגריבלט,
און רופט אינדרויסן מיט אַ פינגער — שטאַר און בלייך.

איך קוק צו איר און — שפּיר אַ שוידער אין די גלידער,
איך טאַפּ די האָר אויף קאָפּ מיינעם — זיי שטייען אויף;
כ׳גיי אָפּ פון פענצטער, וואַרף זיך אויף מיין בעט אַנידער
און — מיטן פּנים אינעם קישן קיש זיך פאַרשרויף.

נאָר ס׳ציט מיך ווידער צו דעם פענצטער—געל באַשימערט,
די ווייסע נאַכט, זי שטייט נאָך אַלץ און ווינקט, און רופט;
וואָס איז די שרעק? איך בין דאָך, דאכט, ביי זיך אין צימער!
וואָס צוקט אַזוי מיין יעדער גליד, מיין גאַרער גוף?

א נאַכט א ווייסע קוקט אַריין צו מיר אין שטיבל —
מיט א לבנה מיט א געלער אינדערהייך;
זי ווינקט צו מיר מיט שטאַרע אויגן — טיף צעגריבלט,
און רופט אינדרויסן מיט א פינגער — שטאַר און בלייך.

און אַז עס זינגט

און אַז עס זינגט א יידיש-דיכטער אין אַ נאַכט א ווייסער,
ביים געלן שיין פון דער לבנה, אונטער גאָלד פון שטערן, —
איז אַרט עס ווועמען? זאָל ער זינגען אין דער נאַכט דער ווייסער,
אַזוי לאַנג זינגען, ביז זיין ניגון וועט אַנשווייגן ווערן.

און אַז עס וויינט א יידיש-דיכטער אין א נאַכט א קאַלטער,
אין רינג פון בערג פון מדברשע, אין ראַד פון טאָלן שטומע, —
איז קימערט ווער זיך? זאָל ער וויינען אין דער נאַכט דער קאַלטער,
אַזוי לאַנג וויינען, ביז די טרערן וועלן מער ניט קומען.

פרימאָרגן־בלוי

פרימאָרגן-בלוי אויף זויבער-ווייסע שטרעקעס,
אויף הייך און טאָל אין ווייסן אָנגעקליידט;
אין פרי פון טאָג פאַרטונקלען גאָר די שרעקן,
אין אָנהייב טאָג צעשימערט זיך א פרייד.

אין אָנהייב טאָג פאַרשווינדן גאָר די שאָטנס,
פרימאָרגן העלט מיט זונגאָלד און מיט ליד;
דער שניי, ער ליגט פון קיינעם נאָך באַטראָטן,
דער וועג, ער וואַרט אויף מיינע לייכטע טריט.

אין אָנהייב טאָג צערינען גאָר די זאָרגן,
פרימאָרגן גריסט פון יעדן הויז און בוים — —
איך שפּאַן ארום אין שייניקן פרימאָרגן
באַנייעס פול מיט האָפן און מיט טרוים.

אָוונט־בלוי

אָוונט-בלוי אויף פליינען ווייס פאַרשנייטע,
אָוונט-בלוי אויף שנייאיק-ווייסע בערג;
פראָסטיק-שטרענג דער הימל טוט זיך שפּרייטן
מיט זיין מילכוועג, מיט זיין „גרויסן בער״.

אינדערוויט באַווייזט זיך א לבנה,
נעמט זיך הויבן העכער אלץ אין רוים;
מיט א געלן, גליווערדיקן פּנים
נעמט באַלייכטן פעלד און באַרג און בוים.

כ׳בין אליין דאָ אין דער שטומער קרירה,
כ׳בין אליין דאָ אין א ים פון שניי — —
נאָר די מוזע אויף איר אַלטער לירע
סטרונעט, שפּילט: מיר זענען איצטער צוויי.

צו אַ הונט

הינטל מיינער, כלב ליבער,
אינעם פּעלכל אינעם גרויעם, —
מיט אַ צורה מיט אַ טריבער
גייסט מיר נאָך אין נאַכט אין בלויער.

מיט אַן עלנט אינעם פּנים
לויפסט מיר נאָך אין נאַכט אין קאַלטער
צווישן הוילע דעמבעס, קליאַנען, —
אינעם וואַלד דאָ אינעם אַלטן.

לויפסט מיר נאָך און פּרוווסט זיך שפּילן
מיט דעם שניי פון די ארומען;
שטעלסט זיך אָפּ און הייבסט אַן בילן
מיט אַ שטים — פול טיפן אומעט.

עפּעס ביסטו היינט פאַרטרויערט —
טוסטו האַווקען, טוסטו הוילן;
אויבעט מיר עס ווילט זיך וויען
אינעם וואַלד דאָ אינעם הוילן.

נאָר איך שעם זיך, כלב ליבער,
כ׳שעם זיך דאָ פאַר דער לבנה:
אויך איר בליק איז היינט אַ טריבער,
נאָר זי שמייכלט — א חכמה.

נאָר זי שמייכלט, קוקט אַראָפּעט
מיט אַ מילדקייט אויף אונז ביידן;
לויכט אין אויגן, גלעט דעם קאָפּ אונז,
וויל זיך גאָר מיט אונז ניט שיידן.

ס׳איז, ווייזט אויס, אונז אלע דרייען,
דיר און מיר און דער לבנה,
טרויעריק היינט ביזקל שרייען, —
מיט די הוילע דעמבעס, קליאַנען.

נאָר מע דאַרף ניט, הינטל מיינער,
מ׳דאַרף ניט שרייען, בעסער זינגען:
זע די שטערן — ווי זיי שיינען,
זע די שנייען — ווי זיי פינקלען.

בעסער זינגען, און זיך יאָגן,
און זיך קייקלען אין די שנייען:
און — פאַרגעסן אַלע פּלאָגן,
אלע וויסטע ווינד-און-ווייען — —

ווייסער פרידן

און שניי אויף באַרג, און זון אויף באַרג, און איך,
און איבער מיר — אַ זויבער-בלויער רוים;
אין אלע זייטן שימערט ווייסע ליכט,
אויף אלע מיילן פינקלט העלער טרוים;

ביז עקסטע ראנדן — אזא קלאָרער טאָג,
און איך בין דאָ, אויף קאָפּ פון באַרג, אליין;
פאַרגעסן זענען קרענק און נויט און זאָרג,
פארשוווּנדן זענען עלנט און געוויין.

נאָר שניי ארום, נאָר זון ארום און — גאָט,
און טיף אין מיר איז איצטער אזוי גוט;
פון הייך פון גאָרער בלויט אַראָפּ גענאָד,
אויף גאָרער נידער ווייסער פרידן רוט.

צוויי לידער

די ליטווישע חלוצים
אַ דערמאַנונג

א

עס דאַכט זיך מיר: אויב גליקלעך זיין איך וועל נאָך ווען,
וועט עס געשען אויף אייגן גרונט חלוציש-פרייעם;
אַ גאַנצן טאָג אַ פעלדישן אין זונגעברען
אַלץ בינדן גאַרבן גילדערנע פאר שלונג פון שייער;

אַ גאַנצן טאָג אַ גאָרטנשן אין רעגנגנעץ
אַלץ בויגן זיך און יעטן אויפגעגרינטע בייטן;
און ערב נאַכט, די הענט מיט בלאָטערן באַזעצט,
צעזינגען זיך צום נאָגנדיקן אברים-ווייטיק;

און מיט חברים זינגענדיקע שפּאַנען שווער
צו קבוצה-היים — פון היימען טויזנטער די שענסטע — — —
— — — — — — — — — — — — — — —
דער טיש באַשטעלט איז מיט דער ברכה פון דער ערד,
און אַרום טיש — אַן עדה יידן אַ געבענטשטע — — — —

ב

אָפּט איך טרוים אזא מין חלום:
בין פונלאַנגשוין אין ישראל,
זיין אין נגב, צי אין גליל,
בין אַדאָרט אַ פּראָסטער פּועל.

טו זיך דאָרט איינדרויסן מיען:
האַק און דרויבל שווערע שטיינער,
סיי אין טעג, ווען היצן בריען,
סיי אין טעג, ווען רעגנס וויינען.

האַק די שטיינער פול מיט גבורה,
דרויבל זיי אין קופּעס הויכע,
שטעל אוים קופּעס לאַנגע שורות, —
פרוכט פון מיינע חלוץ-כוחות . . .

ווערן פון מיין האַרבער פּראַצע
גלאַטע וועגן אויסגעפלאַסטערט,
מערער, מערער, „ארץ" גאַנצע — —
און איך האַק אַלץ — קרעפּטיק, האַסטיק — — —

גוט איז מיר מיט שטיינער פעכטן
אונטער הימלען אייגן-ליבע;
ווער עס ווילט זיך, דער זאָל קנעכטן
אין די פרעמדן אין די טריבע . . .

גוט איז מיר אַלץ האַקן, שפּאַלטן,
אויסלייגן אַלץ וועגן נייע, —
פאַר אַ לעבן אַ צעשטראַלטן,
אין אַ היימלאַנד אין אַ פרייעם — — —

אַ בריוו

אין אַ טאָג אזא, ווי היינט, א טונקל-גרויעם,
ווען אויף שויבן רינען טראָפּנס לאַנגזאַם, דין,
גוט איז זיך אַוועקטראָגן צו טעג צו בלויע,
גוט איז זיך דערמאנען וואָס פון יאָרן — גרין.

. . . זומער-פעלדער, הויך מיט זאַנגען אָנגעוואַקסן,
העלער מאָרגן, הימל — בלוי ביז עקסטער ווייט;
איך, א יונגער — מיט א קאָסע אויפן אַקסל,
דו, א יונגע, — מיט א קאָסע — ביי מיין זייט.

גיסט אַראָפּ א גרויסע זון איר הייסן גינגאָלד —
באַלד אין מאָרגן אינעם פריעם בראָט און בריט;
שפאַנען מיר אויף גאַנצן טאָג צו מי ניט-גרינגער,
שפאַנען מיר אויף גאַנצן טאָג צום שווערן שניט.

ערדן-פּראַצע, אויף יסודות קאָלעקטיווע, —
טעג און וואָכן האָבן מיר געטרוימט פון דעם
אין דער שטילער, מאָנאָטאָנער שטעטל-סביבה,
אין די היימען — אין אַן אומעט איינגעקלעמט.

ס׳האָט דערעסן זיצן דאָרט אין מידן בענקען,
ס׳האָט דערעסן אומגיין דאָרטן פּוסט און פּאַס, —
האָט מען זיך א ריס-געטאָן פון הייזער ענגע,
האָט מען זיך א ריס-געטאָן פון ענגער גאַס.

איך, א זון צו עלטערן צו פּאָרכטיק-פרומע,
דו, א טאָכטער פון א שטוב א פרייע שוין, —
צו א וואָר א פּראָדוקטיווער זיך גענומען,
איינגעשפּאַנט זיך אינעם עול פון לאַן און פלוין.

פויערים געוואָרן, יונגע פּיאָנערן,
ס׳האָבן פעלדער זיך צעשאַלט מיט אונזער ליד;
זיך צעברויזט מיט אונזער ארבעט מיט דער שווערער,
זיך צעוויגט מיט אונזער חשק ביי דעם שניט.

טאָג א לאַנגן, א צעזונטן, מיט דער קאָסע,
טאָג א לאנגן איבער זאַנגען — גאָלדיק-רייף, —
קומט פארנאכט אָן איינגעהילט אין קילער ראָסע,
קומט פארנאכט אָן מיט א לעצטן פויגל-פייף.

האָבן מיר דאַן אין דער קבוצה אין דער קליינער,
נאָכן עסן מאָגערן, געטרוימט ביינאַנד
פונעם לעבן קאָלעקטיוון וואונדערשיינעם
אויפן באָדן פונעם ווייטן ליבן לאַנד:

מיען זיך מיר וועלן דאָרט מיט מער התמדה,
מוטיק שטרייטן קעגן שטרענגן פּרימיטיוו, —
ביז מיט שפע וועט דאָרט ווערן אָנגעלאָדן
אונזער יונגער, אונזער פרייער קאָלעקטיוו.

ביז א ברכה וועט אריין אין יעדן ווינקל,
ביז א בענטשונג וועט אריין אין שטאל און הויז, —
אונטער זונליכט מזרחדיקן — הייס צעפינקלט,
אונטער שטערן מזרחדיקע — אזוי גרויס — —

טרוימען ראָזע אין פארנאַכטן בלוי צעבליטע.
ס׳האָט א גורל גאָר אן אַנדער מיך דערוואַרט.
אויף די פליינען אויף די פלאַכע פון דער ליטע
האָט א פידל זיך צעציטערט אין מיין האַרץ.

מיט געזאַנגען יידיש-ווייכע זיך צעסטרונעט,
מיט ניגונים מיט פאַרבענקטע זיך צעשפּילט:
אין א שטרעבונג אין א נייער מיך פאַרשפּונען,
אָפּגעטיילט מיך פון דיין חלום, פון דיין ציל.

ביסטו דאָן אין ליבן לאַנד אליין געפּאָרן,
בין איך דאָן אליין אוועק אין ווייטער וועלט:
זענען שוין פאַרגאַן פון דאַן אַזויפיל יאָרן,
פרילינגס בלויע, זומערס גרינע, האַרבסטן — העל.

זומערט איצטער אין דיין היימלאַנד אין דיין ליבן,
שיינט מסתּם אַ זון אַראָפּ פון טיפן בלוי:
דאָ איז אָבער היינט אַ טאָג אַ האַרבסטיק טריבער,
כ׳ליג אין בעט און קוק אַרויס דורך שויבן — גרוי.

כ׳ליג אין בעט און קוק אַרויס אין גרויעם דרויסן:
לאַנגזאַם, שטיל אַ רעגנדל אַ דריבנער טריפט:
מאָנאָטאָן און שלעפּעריק טראַמווייען רוישן,
מענטשן שפּאַנען אומעטיק ,מיט מידע טריט.

כ׳קוק אַרויס און קלער דערביי מחשבות מידע:
כ׳האָב געקענט דאָך איצטער זיין מיט דיר ביינאַנד:
איז באַשערט מיר, ווי עס ווייזט, אַ וואר פון לידער, —
אין אַ ווייטן, אין אַ קאַלטן, שטרענגן לאַנד — —

אין אַ טאָג אַזאַ, ווי היינט, אַ טונקל-גרויעם,
ווען אויף שויבן רינען טראָפּנס לאַנגזאַם, דין,
גוט איז זיך אוועקטראָגן צו טעג צו בלויע,
גוט איז זיך דערמאָנען וואָס פון יאָרן — גרין.

נו, אַ סוף!

נו, א סוף, גענוג געוואָגלט —
סיי אין זומער, זיי אין ווינטער,
סיי אין רעגן, סיי אין האָגל,
סיי אין שנייען, סיי אין ווינטן.

זייט געזונט מיר, וועגן שטילע,
שקיעות רויטע, זריחות ראָזע,
אָוונטן אין ליד, אין תפילה
אויף א פעלד ווו — גרין באַגראָזיקט.

כ'קען אייך מער ניט, הימל-תהומען,
האָריזאָנטן רונדע, ברייטע, —
סיי אין בלויקייט אָנגעטאָנען,
סיי אין גרויקייט אָנגעקליידטע.

כ'קען אייך מער ניט, שטערן-פינקלען,
גאָלד פון זונען, פון לבנות:
זאָלן צו אייך דאַוונען, זינגען
די פאָעטן — די בטלנים.

איז א סוף, גענוג געוואַנדערט —
סיי אין פרילינג, סיי אין אָסיען:
כ'שטעל א היים אוועק אויף לאַנד דאָ,
אויף דעם פעטן, — פול מיט ראָסע.

ווייט פון שטאָט און ווייט פון שטעטל
רונדאַרום — נאָר רויע גרונטן:
נעם איך זיי מיט ברען צעבעטן
אין ירקות, תבואות בונטע.

גוט איז ערד מיט מיסט באַדעקן,
גוט איז ערד מיט שוויים באַטרינקען,
און פון שלאָף זי אויפצוועקן,
און מיט שפּראָצן זי באַשפּרינקלען . . .

אַקער איך דאָ, טו דאָ זייען,
קולטיוויר די גאַרע רויערד,
שטעק זי אָן מיט הויכע הייען, —
ווי אַן אַלטער, עכטער פּויער.

טו זי גראָבן, טו זי בראָניען, —
אויף די פּליינען, אינעם גאָרטן;
אנדערש איבער זייער פּנים
מיט געוויקסן כל הסאָרטן.

וואַקסט מיין נחלה רייכער, שענער,
אויף די לאַנען — שאָף און רינדער,
אינעם שטעלכל — הינער, הענער,
און די שטוב איז פול מיט קינדער . . .

איז שוין רייף דער ווייץ, דער קאָרן, —
איז געשניטן מיט געזאַנגען;
און צום שייער וואָגנס פאָרן —
אָנגעפּאַקט מיט העלע זאַנגען.

שמעקט אין הויז מיט ברויט מיט אייגן,
שלאָגט פון טעפּ אַ גראָבע פּאַרע;
שיינען אויף אַ יעדנס אויגן,
ליכטיקט אויף א יעדנס מראה.

שיין און ליכט פון קאָלאָניסטן —
פול מיט קוואַלונג, ווי א ברונעם:
ווילסטו האָניק — נעם פון בינשטאָק,
ווילסטו מילך דיר — גלייך פון קו נעם . . .

יערן כוחות אין די גופים,
יערט מיט קראַפט אַ יעדנס פּנים,
און די ערד, זי טוט אַלץ רופן,
און דער דרויסן טוט אַלץ מאָנען.

גייסט ארוים אין אַ-דעם דרויסן,
זונט מיט פרייד אויף דיין נשמה:
גראָזן שורשען,ביימער רוישן,
און די ערד מיט שפע שטראָמיקט.

עך, דו ערד, — אַזאַ גערעמע,
פול מיט שפייזן — זים און זעטיק,
ווי מיר ווילט זיך זיך פאַרשטאַמען
אין דיין טיף דאָ אין דיין פעטער.

אַלץ, וואָס שטאַמיק, אַלץ, וואָס שטאַרק איז,
ליב איך, ערד, שוין פונלאַנגאָנען:
דעמבעס — דיק, מיט האַרטע קאַרקן,
שטייפע סאָסנעס, פעסטע קליאָנען.

ליבן ליב איך אויכעט יעלן,
מיט די נאָדלען — שאַרף און גלאַנציק — — —
טראַכט איך טאַקע זיך דאָ שטעלן
גאָר אינגיך אַ וועלדל פלאַנצן.

צוויי לידער וועגן דער זון

א

אַלעס ציט זיך צו דער זון
אויפן כדור אויפן גאָרן:
זאַנג און גרעזל, בוים און בלום,
עוף און חיה, מענטש און וואָרעם.

זע א פליג אין פרילינג-טאָג,
ווען די זון אויף שויבן שייניקט, —
ווי זי האַוועט, ווי זי יאָגט,
ווי זי זשומעט, ווי זי תענוגט.

זע א טוי אווו אין וואַלד
אין א זומער-מאָרגן — זוניק, —
ווי ער פינקלט, ווי ער שטראַלט, —
מיט קאָלירן אָנגעברונעמט.

זע א זקן טיף אין האַרבסט,
אין אַ טאָג א לויטער-קילן, —
ווי ער זיצט ווו און ער גאַרט
נאָך א ווייל מיט זון זיך שפּילן.

אַלעס ציט זיך צו דער זון:
ערד און וואסער, בארג און נידער,
קו און קעצל, פערד און הונט,
און א מילבל אין א סידור.

זע א יינגל ווו אין פעלד
אונטער זונליכט ווינטערדיקן —
שליטלט זיך אין שטייפער קעלט
מיט א גלי אזא אין בליקן.

זע א חולה אין שפּיטאָל —
קוקט א בלאַסער צו דער שקיעה,
און מיט שוואַכקייט אינעם קול
בעט ביי איר זיך: שענק מיר חיות!

זע א קוילן-גרעבער — שוואַרץ,
ווען ער קומט פון שאַכט ארויסעט:
ציטעריק זיך פּרייט זיין האַרץ
מיטן זוניק-ליבן דרויסן.

אלעם צו דער זון זיך ציט
אויפן כדור אויפן גאָרן;
אויך מיין צאַרטע יידיש-ליד,
וואָס איך האָב אָט ערשט געבאָרן.

ב

זון אויף אַלץ: אויף באַרג און טאָל און פליין,
זון אין אַלץ: אין בוים און גראָז און שטיין,
אַלץ פון זון: דער וואָלקן אין זיין גאַנג,
בלאָז פון ווינטל, פייגלשער געזאַנג.

אַלץ פון זון: די זשומענדיקע בין,
פלי פון פליג און קריכעניש פון שפין,
טוי אויף זאַנגל, רעגן אויף א בלום;
אלץ פון איר — פון מאַמעדיקער זון.

אלץ פון איר: דער אָסיען — געל און גרוי,
גרין פון זומער, פרילינגדיקער בלוי,
ווייס פון ווינטער, יעטווידער קאָליר;
אלץ פון איר, דאָס אלעס איז פון איר.

אלץ פון איר: אויף ימען — יעדע שיף,
עראָפּלאַנען אינעם הימלס טיף,
באַן און באָס — אין פייפן, אין געברום;
אלץ פון איר — פון בענטשנדיקער זון.

אַלץ פון איר: די דערפער און די שטעט,
יעדע אומה אויפן כדור — העט,
יעדער פנים — ווו א קער, אַ ווענד:
אלץ פון זון, פון אירע גוטע הענט.

אַלץ פון זון: אַוווּ נאָר א געפיל,
ווו א גאַרונג, אַ פאַרמעסט, א ציל,
ווו א טרוים — אין שלאָף און אויף דער וואָר,
ווו א שמייכל, ווו א בליק, אַ וואָרט — —

אלץ פון זון. אויך איך — פון איר א שיין,
מיט מיין אומעט, מיט מיין פרייד און פיין,
מיט מיין צווייפל, מיט מיין גלויבן — העל,
מיט מיין פראָזע, מיט מיין לידער-וועלט.

דער פּאָעט

א

אין ראַד פון הענדלער דרייט ער זיך ארום —
פון שטרענגער נויט, פון שטענדיקער געטריבן;
זיי נעמען אויף אים מיט א מינע — קרום;
אַ דיכטערל, א ביכל אָנגעשריבן.

זיי האָבן הייזער — אָנגעלייגט, באַשטעלט
מיט טעפּיכער, מיט מעבל, כלים, בילדער;
און טאַשן לאַנגע — אָנגעפּילט מיט געלט,
און טישן — זאַט — פאַר זיך און ווייב און קינדער.

זיי וואַרפן ווען אויך אים א קרישל צו:
אַט האָסטו דיר און — שטער ניט אונז די רו,
אַט האָסטו דיר און — גיי דיר מיט דיין דיכטונג — — —

ער שפּאַנט פון זיי אן איינזאַמער אוועק
אין שאַנד געהילט, אין שיפלות איינגעדעקט;
נאָר מיט אַ ליד — א שטערנדל — באַליכטיקט — — — —

ב

זיי פיינטן אים, ווייל ער איז אנדערש,
ווייל אָפּגעווינקלט איז זיין וועג,
ווייל ווי א פויגל, מיט געזאַנגען
באגלייט ער זיינע שטילע טעג.

זיי קוקן נאָך מיט קנאה שאַרפער
זיין טראָט זיין גרינגן אויף דער ערד,
זיין גאָרניט גארן, גאָרניט דארפן, —
חוץ גאָלד פון גראָם און זייד פון פערז.

זיי מיידן אוים אים, ווייל זיין חלום
צעפליגלט הויך אין בלויעם חלל,
דערמאָנט זיי זייער גרויע וואָר.

ער איילט פון זיי פארבענקט אוועקעט
צו זוניק-העלע זומער-שטרעקעס:
דאָרט גרינט אין אים זיין גראָזיק וואָרט.

ג

פון בוים און זאַנג ער זויגט פאר זיך יניקה —
ניט פרוכט און ברויט, נאָר וואָרט און גראָם און שיר:
אים טוט א גראָז א זאַפטיקער דערקוויקן
פיל מער ווי פלייש דעם פרעסער אין זיין גיר.

אים טוט אַ טוי א שטראַליקער באטרינקען
פיל מער ווי ווייַן דעם שיכור אין זיין זויף:
ער קוקט ארויף צו זון אין אירע פינקלען
ווי א פארליבטער — צו זיין פרוי ארויף.

א בלויע פרייד אויף בערג אים נעמט ארומעט,
א יום טוב — העל — אין טאָלן קומט אויף אים:
אין קלאַנג פון פויגל, אין א בינ׳ס געזשומען
פארנעמט ער פרום די שטים פון אלוהים.

און פרימער ווערט ער, ווען ער דרינגט אריין
אין שטערנדיקן מיסטעריעזן שיין.

ד

„טאַים איז מאָני“

. . . און אלע פרי עם וואָרט אויף אים די נויט—
זיין היטערין די שטענדיקע, די שטרענגע;
און אויף אַ לאַנגער, שווערער זאָרגן-קייט
זי פירט ארום אים פון זיין היים זיין ענגער.

די שטאָט, זי שרייט שוין אויף אַ יעדן ראָג
אויף יעדער גאַס, אויף אַלע אירע מיילן;
אַן אָנגעפאַקטער, אַ טראמוויי זיך טראָגט,
און אויטאָס יאָגן, לאַסט-מאַשינעס איילן.

פאבריקן-רוף, גערויש פון ראָד און טראָט,
די הייך די בלויע — טונקל-גרוי פון רויכן;
אויף קייט פון זאָרגן דורך דער טורמע-שטאָט
די נויט אים פירט — א מאָגערן, א בלייכן.

און ברענגט אים צו דער הענדלערישער גאַס,
און ברענגט אים צו די נאַרערישע קרעמער,
וואָס נעמען אים מיט חוזק אויף, מיט שפּאַס,
און לצ׳עווען, און לאַכן פון אים נעמען:

וואָס טויג דיר ליד? וואָס האָסטו פון סאָנעט?
וואָס גיבן דיר די שטערן, די לבנה?
אוי, בטלן-יידן! אוי, יאָלדישער פּאָעט!
טאַים איז מאָני, טאַים איז מאָני, מאָני!

ער איילט פון זיי א שפּלער אוועק
מיט אויג — פאַרשמאַכט, מיט הונגער אינעם פּנים;
נאָר זייער קול באַגלייט אים אויף זיין וועג:
טאַים איז מאָני, טאַים איז מאָני, מאָני!

ער וועסלעוועט מיט מידע הענט און פיס
דורך גאַסן־ים — אין האַוועניש פון קראָמען;
און ס׳ווינקט אים נאָך א פאַרביקער אַפיש:
טאַים איז מאָני, טאַים איז מאָני, מאָני!

א גאַנצן טאָג אויף גאַסיקן אַספאַלט;
א גאנצן טאָג אין טומלעריי פון קראָמען;
און ס׳גייט אים נאָך דער הענדלערשער געוואלד:
טאַים איז מאָני, טאַים איז מאָני, מאָני!

א גאנצן טאָג. ביז אָוונט שפּרייט זיך אוים
אויף גאַס און ראָג, אויף הייזער און אויף קראָמען,
שטילט איין די שטאָט און שיקט אינהייך ארוים
א קיילעכדיקע זילבערנע לבנה.

דאַן לאָזט ער זיך אהיים צו זיך צוריק,
און טראָט־אין־טראָט אים גייט נאָך די לבנה,
און — שעפּט ארוים די שמאַכטונג פון זיין בליק,
און — ווישט אַראָפּ דעם הונגער פון זיין פּנים.

און אויפן שוועל זי נעמט אים פאר א האַנט,
און פירט אריין אים אין זיין ענגן חדר,
און ברענגט אים צו דאָ צו א שטילער וואנט,
און ציט פון אים די שיך אַראָפּ, די קליידער:

און לייגט אים שלאָפן, ווי א קינד, אין בעט,
און דעקט אים איין מיט מאַמע־פינגער צאַרטע,
און — טראָגט אוועק אים אין די הייכן העט,
וו אויף זיין אָנקום וונדערוועלטן ווארטן — —

ה

זאָל איך קיינעם גאָר ניט אָרן,
ווי ער לעבט, ווי קומט ער אוים;
קראָמען האָט איר — טוט איך נאַרן,
הייזער האָט איר — האַלט זיך גרוים.

שטיין און אייזן, שטאָל און ציגל,
יאָג און רעש פון עק ביז עק;
אָנגעטרונקען מיט אַ ניגון,
שפּאַנט ער אויף זיין שטילן וועג.

גוט איז אים אַזוי צו שפּאַנען,
גוט איז גיין אים פריי און גרינג;
העלע זון אויף גרינע לאָנען,
מילדע הייך און לינדער ווינט.

ניט קיין ווייב און ניט קיין קינדער,
ניט קיין קראָם און ניט קיין היים;
שיינט זיין אויג אויף מיט די וווּנדער
פון אַ יעדן באַרג און פליין.

ניט קיין שעפער, ניט קיין גיטער,
ניט קיין זילבער, ניט קיין גאָלד;
בליען אויפעט זיינע לידער
אין אַ יעדן וואַלד און טאָל.

איר בייט אוים די טעג, די יאָרן
אויף אַ ביכל אין דער באַנק;
ער — אין ברען אַ מידבר-דאָרן —
ווייס ניט קיינמאָל פון קיין צאַנק.

איר, ביים ענד פון אייער לעבן,
פיטערט אַלץ דעם פעטן גוף;
אים האָט גאָט אַ טרוים געגעבן,
איז דער חלום — זיין באַרוף.

הייזער האָט איר — טוט זיך בלאָזן,
ווייבער האָט איר — קוועלט און שלאָפט;
ס'עקלט אים פון אייער דאַזיין,
ס'עקלט אים פון אייער סוף.

ו

ער וועט אַזוי, אויף זייטיק-שטילע וועגן,
דערציען שוין די טעג זיינע, די יאָרן
אין ווינטער-שניי, אין זומערדיקן רעגן,
אין פרילינג-בלוי, אין אָסיען-גאָלד אין קלאָרן.

אין שטערנשיין, אין זונליכט, אין טומאַנען,
אָ, דיכטערישער לויכטנדיקער חלום!
ווי גוט אים איז מיט היגלען און מיט לאַנען,
ווי ווויל אים איז מיט פעלדער און מיט טאָלן.

ווי גוט אים איז כסדר שפּאַנען, וואָגלען,
אָן דאַך און בעט, אָן ווייב און קינדער-רינדער,
און יעדן טאָג מיט לידער-ווײַן אָנלאָגלען,
און יעדע נאַכט פאַרניגונען, פאַרזינגען.

ווי ווויל אים איז צו בייטן אַלץ די ערטער —
אין קעלט און היץ, אין שלווה און אין שטורעם,
און זאַמלען זיי, די זינגעוודיקע ווערטער,
און קלייבן זיי, די קלינגעוודיקע שורות.

ער וועט אזוי זיין לעבן שוין דערציען
מיט גראָז און בלום, מיט זאַנגען און מיט בוימער,
און דאָן קיכאָטיש אַלץ אין הייכן פליען,
און דאָן קיכאָטיש אלץ פון וייטן טרוימען.

און שפּאַנענדיק אָן אַלטער שוין, א מידער,
מיט גוף מיט גאָרן צו דעם גרונט געבויגן, —
וועט ווו א ווערבע זאָגן מיט אים וידוי,
און ס׳וועט א ווינט פאַרמאַכן אים די אויגן.

ז

ביז קומען וועט אַן אויסלאָז צו מיין לעבן,
ביז קומען וועט אַן ענדע צו מיין זיין, —
ארומגיין וועל איך איינאַליין אויף וועגן
אַ שיכורער פון לידערישן ווײַן.

ארומגיין אַלץ און העפטן מיינע בליקן
צו זון צו העלער אינעם בלויעם רוים,
און תהילימען און לויבגעזאַנגען שיקן
צו יעדן בלעטל אויף אַ יעדן בוים.

ארומגיין אַלץ און תפילה-טאָן אין גראַמען
צו יעדן גרעזל אויף דער גרינער ערד,
און הערן וועלן: היגלען, טאָלן, לאַנען,
און הערן וועלן: סעדער, פעלדער, בערג.

איך ווייס: די צייטן זענען איצטער קאָכיק
און הילכן האַרט מיט אייזן און מיט שטאָל,
נאָר גוט איז מיר מיט וואַלדיש ווייכע מאָכן,
נאָר וויל איז מיר מיט אָסיענדיקן גאָלד.

איך ווייס: די מענטשן זענען איצטער ציניש
און מאַכן חוזק פונעם דיכטערס וואָרט,
נאָר גוט איז מיר מיט ווערטער-טענער דינע,
נאָר וויל איז מיר מיט חלומדיקער וואָר.

ביז ווייזן זיך עס וועט פאַר מיר דער מלאך
מיט שאַרפער קאָסע אין דער דאַרער האַנט —
וועט שטרעקן זיך מיין דיכטערשער מהלך
מיט פערזן-צייכנס אויף זיין יעדן שפּאַן.

ח

ניט אויסגעשעפּט עס איז נאָך אַלץ די פרייד
פון דינע זילבן, ריטעמדיקע ווערטער:
אַ נאַכט אַ שוואַרצע לאָזט זיך אויס, פאַרגייט
און — ווידער בליט אַ טאָג אויף אַ צעהעלטער.

עס צינדן זיך די מזרח-ברעגן אָן
אין אַ געמיש פון רייציקע קאָלירן:
כל-זמן די הייך אין בלוי איז אָנגעטאָן —
איז פול די זעל מיט חלום און מיט שירה.

כל-זמן די ווייט, אַ שיינענדיקע, רופט, —
איז, ווי אַ ווינטל, זיך צו איר געלאָזן;
מיט זינגעניש עס ברויזיקט גאָרער גוף
און — ס׳ענטפערן די ביימער מיט די גראָזן.

אַ פרישע ערד, אַ פרילינגשע צעשטרעקט
איר גרין געהיל, איר טויאיקן געפינקל:
און זון, זי גאָלדיקט אויף אַ יעדן וועג,
און זון, זי ליכטיקט אין אַ יעדן ווינקל.

צו ווייט! מיט זון אין אָפן-פרייעם בליק,
צו ווייט! מיט זון אויף אָפן-פרייע וועגן:
כל-זמן אין האַרצן ציטערט נאָך אַ ליד —
אַ ציל עס האָט, אַ גרויסן ציל דאָס לעבן.

ניט אויסגעשעפּט עס איז נאָך אַלץ די פרייד
פון דינע זילבן, ריטעמדיקע ווערטער:
אַ נאַכט אַ שוואַרצע לאָזט זיך אויס, פאַרגייט
און — ווידער בליט אַ טאָג אויף אַ צעהעלטער.

ט

נאָך צירן זיך אין גרין אין צאַרטן פעלדער, לאַנען,
נאָך וויקלט זיך אין מילדן בלוי דאָס הימלראָד;
אויפסניי איך בלאָנקע אונטער זון מיט גרינגע שפּאַנען,
אויפסניי איך וואַנדער אויף דער ערד מיט לייכטן טראָט.

אַ טיפע שטילקייט העלט ארוים פון אלע זייטן,
אַ פרייד א גרויסע שיינט ארוים פון יעדן פעלד;
די פיס מיינע, זיי ציען אַלץ אין וועלט אין ווייטער
און — עפּעס רירט זיך, עפּעס וועקט זיך אין מיין זעל.

אָ, זילבן, ווערטער, — טויען רונדע, פּאַרביק-פרישע!
אָ, שורות, פערזן, — ביימן קורצע, פול מיט זאַפט!
איך פיל שוין ווידער אייער רייצונג, אייער כישוף,
איך שפּיר שוין ווידער אייער שליטה, אייער מאַכט.

דאָס האַרץ, עס ברויזט מיט נייע טרוימען, נייע דראַנגען,
און טייער ווערט די דיכטערשע, די דינע פּיין:
מיט וויין עס פליסן ביימער, גראָזן, קווייטן, זאַנגען
און — גיסן זיך אין אלע אברים מיר אריין.

איך טו אַלץ וואָגלען, אָנגעקוואָלט מיט ליד, מיט ניגון,
איך טו אַלץ בלאָנקען, אָנגעטרונקען מיט געזאַנג;
און ס׳רעדט צו מיר א יעדער טאָל, א יעדער היגל,
און ס׳ווינקט צו מיר א יעדער גראָז, א יעדער זאַנג.

נאָך צירן זיך אין גרין אין צאַרטן פעלדער, לאַנען,
נאָך וויקלט זיך אין מילדן בלוי דאָס הימלראָד;
אויפסניי איך בלאָנקע אונטער זון מיט גרינגע שפּאַנען,
אויפסניי איך וואַנדער אויף דער ערד מיט לייכטן טראָט.

י

איז ניט קיין געלט, קיין הײם קיין פײנע,
איז װײניקער מיט ברויט א שטיקל;
איך האָב צו קײנעם קײנע טענות,
בין ניט מקנא קײנעמס גליקן.

עס איז מיר גוט אזוי װי מיר איז,
און רײך איך בין — נאָך מער װי קרעזוס:
די גאַנצע ערד איז מײן עשירות,
און אויף דער ערד — א יעדער גרעזל.

אַ יעדער זאַנג — אין דינעם ריח,
אַ יעדער קװײט — אין דופט אין צאַרטן,
אַ יעדער בוים — אין גרינעם כוח,
אַ יעדער שטײן — אין גרוי אין האַרטן.

און מענטש און מילב, און פליג, און פויגל,
און אָפּגײ-רויט, און ראָז פון גינען, —
אַלץ איז א נעץ פאַר מײנע אויגן,
אַלץ איז אַ רײצונג פאַר מײן זינען.

און װאָס געשעט, און װאָס געטראָפן,
אין יעדער צײט, אויף יעדן שטח, —
מײן האַרצנס טיר פאַר דעם איז אָפן,
מײן נײגער — שאַרף — מיט דעם זיך זעטיקט.

און װעלט פון שאַפן — פילקאָליריק,
אין װאָרט, אין פאַרב, אין קלאַנג, באַװעגונג — — —
אַ יעדן חברס ביכל שירים
פילט אָן מײן בלוט מיט היפּשער רעגונג . . .

און סוד פון טויט, און נס פון לעבן,
און די מיסטעריע פון דער ליבע, —
אין זייער הייך איך טו אַפּט שוועבן,
אין זייער טיף מיין זעל זיך גריבלט.

און פאָלק און קלאַס (אין קריג פאַר פרייהייט),
און מאָרגנדיקע מענטשן־דורות, —
איך גלי, איך ברען מיט יעדנס פייער,
איך פריי זיך, לייד מיט יעדנס גורל.

און ניט נאָר ערד, מיט אַלץ ארום איר, —
די ווייטסטע זונען, ווייטסטע שטערן
אין חלום מיינעם צו מיר קומען
און מיין געדאַנק מיט זיך באַשווערן — —

איז ניט קיין געלט, קיין פיינע דירה,
איז ווייניקער מיט ברויט א ביסן;
איך בין געבענטשט מיט אן עשירות —
פאַר גאַנצע וועלטן צו געניסן.

יא

געשענקטע יאָרן — אַלטע, גרייזע.
און אפשר טעג — ווער קען מיר זאָגן?
אוועקגענומען אויף לעצטער רייזע —
עס וואַרט אויף מיר שוין שוואַרצער וואָגן.

איז יעדער טאָג ביז גאָר מיר טייער,
איז טייער מיר א יעדע רגע:
מיט גאַסן-שטייגן, פעלדער פרייע,
מיט וועלדער גרינע, העלע וועגן;

מיטביימער הוילע, צי אין בליאונג,
מיט גראָזן — טרוקן, צי באַטויאיקט;
מיט זון אין זריחה, צי אין שקיעה,
מיט הימלען בלויע, וואָלקנס גרויע.

ווי גוט עס איז צו זיצן, ליגן
אויף בערג אווו, אָן עול, אָן דאגות,
זיך איינהערן: א בין עס ניגונט,
א פויגל טרילערט אויף א צווייגל.

ווי ווויל עס איז צו ליגן, זיצן
אין טאָלן ווו, צעווישן שטיינער,
זיך צוקוקן: א קוועלכל — בליציק —
זיין וואַסער טרייבט זיין זויבער-ריינעם.

און גוט איז אויכעט אין א רעגן,
וואָס קלאַפּט אין שויבן, פּויקט אין דעכער,
וואָס גיסט מיט וויין אָן ביז די ברעגן
די דופּטנדיקע בלומען-בעכערס.

און ווייל איז אויך אין האַרבסט אין האַרבן
צו וואָגלען ווו אויף פּוסטע לאנען;
זיך צובליקן ווי בלעטער דארבן,
ווי גרעזעלעך פאַראומערט וויאַנען.

און גוט איז אויך אין ווינטער-קרירה
אַרומצובלאָנקען איבער פליינען;
דעם ברי פון פראָסט אין קערפּער שפּירן
און פרייען זיך מיט ווינטס געוויינען.

און בעסער נאָך עס איז אום ווינטער
ניט פיל צו בלאָנקען — לענגער בלייבן
אין שטילן הויז, ביים טיש, ביים טינטער
און — אָ-די שורות שטיל פאַרשרייבן:

געשענקטע יאָרן — אַלטע, גרייזע.
און אפשר טעג — ווער קען מיר זאָגן?
אוועקנעמען אויף לעצטער רייזע —
עס וואַרט אויף מיר שוין שוואַרצער וואָגן.

יב

און דאָ בין איך, אַ ניט־גערדאַרפטער, אַ פּאָעט ביי יידן.
מאַני לייב.

שטיל, ווי אַ וואָלקן אין רוימען,
איינזאַם — אין פעלד ווו א שטיין,
זיץ איך און שרייב מיינע טרוימען
ביזקל דער טאָג טוט פארגיין.

שווימען די טעג און די יאָרן,
מערט זיך מיט טרוימען מיין טיש;
ביזקל פון דרוק ווערט געבאָרן
שירים א בוך — טויאיק פריש.

דופטן די ליכטיקע בלעטער
וואַלדיש — מיט מאָך און מיט פעך,
גראָזיק — מיט זאַפטן מיט פעטע,
צוויטיק — מיט פרילינגשע נעכט.

איז אין די שירים פאַרקנאָטן
זומער — מיט גרינסן באַקליידט,
אָסיען — מיט גינגאָלד פאַרשאָטן,
ווינטער — מיט ווייסקייט פאַרוויט.

קוואַלן די לידער מיט ליבע,
זינגען די פערזן פון נויט,
שטראָמען די שורות אַריבער
ברוויזיק מיט לעבן און טויט.

טרוימען, אין טאָוולען געבונדן,
פול, ווי א מילגרוים, מיט ווין;
בענקשאַפט און האָפן און ווונדן,
אומעט און יאוש און שיין.

זוכן די לידער געניסערם:
נעמט אונז, צעעפנט, פארזוכט:
שעפט אונז ארויסעט, ווי פרישן,
לויטערן האָניק, פון בוך!

וויל פון זיי קיינער ניט הערן,
ליגן די ביכער פארשעמט,
בלינדע, אין קאַסטנס אין שווערע,
שטומע, ארום אלע ווענט.

מערן זיך ספר נאָך ספר —
רייך, אויף מיין יידישער שפּראַך,
פרעג איך זיי אָפּטמאָל פארצווייפלט:
קינדער! נאַכוואָס אייך געבראַכט?

גייען די טעג, די מעת-לעתן,
ווי אין א מדבר אוועק,
פוילן די ספרים פארגעסן,
שימלען — מיט שטויבן באַדעקט.

טרעפט נאָר — א דיכטער א ווייטער,
עלנט, פארשטויסן, ווי איך,
שרייבט מיר א בריוול צעהייטערט,
דאַנקט מיר פאר יעדן געדיכט.

איז עס מיין שכר פאר מיין מיאונג,
איז עס מיין איינציקער לוין — —
און ווי א בוים צו זיין בליאונג,
כ׳נעם זיך באַניים צו מיין טרוים.

יג

איר אַלע, קאַליקעס, אָן הענט, אָן פיס, אָן אויגן,
איר אַלע, — טויב און שטום, פּאַראַליזירט, האָרבאַטע;
ווי פליג אין שפּינגעוועב, פון מזל בייז געזויגן,
ווי לאַם אין וואָלף-געקלעס, פון גורל האַרב געמאַטערט.

איר אַלע, פוילנדע אומהיילבאַר אין שפּיטעלער,
בייטאָג פון טויט באַהיט, ביינאַכט פון טויט באַשומרט;
איר אַלע, — באַרוועס, הויל, אין שימלדיקע קעלערס,
אָן קרישל ברויט אויף טיש, אָן ביסל רויך אין קוימען.

איר אַלע, — נע ונד, אויף וועגן ווו פאַרלאָרן,
וואָס ערד איז אייך א בעט און גרויער שטיין — א קישן;
איר אַלע, עלנטע, אָן גואל און אָן קרוב,
וואָס יאָרן אייערע אָן טרייסט, אָן פרייד פאַרפליסן.

איר אַלע, איינזאַמע און הילפלאָזע און שוואַכע,
איר אַלע, בענקנדע און טרוימנדע און מידע,
אין שטעט, אין דערפער ווו, אויף ווייטסטע שטילסטע שליאַכן; —
איר זענט מיר אַלע נאָנט, איר זענט מיר אַלע ברידער.

ווי איר, איך ווער געפּיינט מיט לייב און מיט נשמה,
ווי איר, איך ווער געפּלאָגט פון נויט פון גרויזאַם-בייזער,
ווי איר, איך זע גאָר אָפט נאָר חושכניש פון תהומען,
ווי איר, איך זע אין טויט דעם איינציקן דערלייזער.

ווי איר, אָן עלנטער איך ביטער אָפּ מיין לעבן
אין הינטערגעסלעך — ענג, אין צימערלעך אין שמאָלע,
און וועלט איז גלייכגילטיק צו מיין צעהעלטער שטרעבונג,
און מענטש, ער לאַכט זיך אויס פון מיין צעזונטן חלום.

און שווער איז מיר, ווי אייך, אויף אָ-דער ערד — אין רישעות,
און שלעכט איז מיר, ווי אייך, אויף אָ-דער וועלט דער שלעכטער,
און ס'ווערט ניט בעסער מיר, ווען כ'טו אפילו וויסן,
אז איך און אַלע איר — מיר זענען די גערעכטע.

יד

נאָר ס׳אַרט דיך ניט

צי אַרן דיך די טעג דיינע, די יאָרן,
פאַרטאַכליעוועט אויף חלום בלויז, אויף ליד,
אַצינד, ביים ענדע, ווען דער שווארצער אָרון,
ערווארט שוין ווו אויף לעבן דיינעם — מיד?

צי האָסטו ניט חרטה אויף דיין לעבן,
וואָס איז אוועק אין ווערטער, אין געזאַנג?
דו האָסט דער וועלט אַזויפיל אָפּגעגעבן
און זי — ווי גרויס געוועזן איז איר דאַנק?

די גרויסע וועלט — אַזוי ביי זיך פאַריסן,
זי האָט פון דיר דאָך ניט געוואָלט גאָר וויסן,
זי איז דיר קאַלט און גלייכגילטיק פארביי — —

נאָר ס׳אַרט דיך ניט. און ווען דו קענסט אצינדער
צוריקרוקן דעם זייגער צו דיין קינדהייט —
געמומען וואָלסט זיך צו דיין וואָרט אויפסניי — —

טו

אין וואָרט אין דיינעם וועסטו ווייטער זיין

דער מענטשלעכער גייסט קען ניט
אַבסאָלוט פאַרניכטעט ווערן מיט
דעם קערפּער, נאָר עס בלייבט
עפּעס פון אים, וואָס איז אייביק.
שפּינאָזע.

דאָס אַלץ וועט זיין: דער באַרג אין גרינעם קלייד,
דער טאָל — מיט היי מיט דופטיקן באַזייט,
די זון — אין העלן, היילנדיקן שיין;
דאָס אַלץ וועט זיין, נאָר דו וועסט מער ניט זיין.

דאָס אַלץ וועט זיין: אי פעלד, אי לאָן, — אין טוי,
און איבער זיי — דאָס מילדע הימלבלוי,
און רונדאַרום — די לופט, ווי גוטער וויין;
דאָס אַלץ וועט זיין, נאָר דו וועסט מער ניט זיין.

דאָס אַלץ וועט זיין: אי בוים, אי גראָז, אי זאַנג,
א וואַסערל אין לויטערן געקלאַנג,
א ווינטעלע, וואָס רוימט דיר עפּעס איין;
דאָס אַלץ וועט זיין, נאָר דו וועסט מער ניט זיין.

דאָס אַלץ וועט זיין: א שמעטערל — צעפּאַכט,
א ווערעמל, וואָס פויזעט שטיל אין מאָך,
א פייגעלע, וואָס פליט אין נעסט אריין;
דאָס אַלץ וועט זיין, נאָר דו וועסט מער ניט זיין.

דאָס אַלץ וועט זיין: די גאָרע וווּנדערוואָר
(פאַרצייכנט איצטער אין דיין צאַרטן וואָרט
מיט אזא דינער, נאָגנדיקער פּיין);
דאָס אַלץ וועט זיין, נאָר דו וועסט מער ניט זיין — — —

איז וואָס, פּאָעט? נאָכוואָס אזא געוויין?
אזא מין צער? אזא מין טיפער וויי?
בארואיק זיך, מיין טרויעריקער פריינט:
אין וואָרט אין דיינעם וועסטו ווייטער זיין — — —

צו איינעם אַ קאָלעגע

פאַרגין מיר, חבר, מיין עשירות: וואָרט און ליד; —
קיין אַנדער רייכקייט אין מיין לעבן האָב איך ניט;

און וואָס איז וואָרט, און וואָס איז ליד אין אַ-דער וועלט
פון זעט און בעט, פון קאָרט און ספּאָרט, פון מאַכט
און געלט?

און וואָס איז בוך? אפילו פינף? אפילו צען?
סייווי איך וועך פון אלעמען פארהערט, פארזען — — —

און ס׳ביסל כבוד, וואָס איך קריג, מישטיינס געזאָגט,
ווען ס׳ווערט אַן „אָוונט״מיר געמאַכט ווען אין אַ טאָג, —

עס ווערט פארשווונדן, ווי אַ רויך, אין זעלבער נאַכט,
און ווידער בין איך, ווי אַ זעמדל אויף אַ שליאַך — — —

איך שרייב מיין ליד, קאָלעגע מיינער, נאָר פאר זיך,
און אפשר האָב איך אין מיין זינען אויכעט דיך,

ווייל גלייך ווי איך,אויך דו ביסט עלנט אויף דער ערד;
אזוי, אפנים, איז אונז ביידן דאָ באַשערט — — —

און ניט נאָר אונז — אַ יעדערן פון מענטשן-מין;
מיר אַ ל ע זענען אין אַן עלנט איינגעשפּינט;

און יעדער איינער „רעטן זיך״ דורך וואָס ער פּרווט:
פון קלעמענישן אַלערליי אין זעל, אין גוף,

פון שרעקענישן פאר דער ענד, וואָס קומען וועט
און צומאַכן די אויגן אים, — צי פרי, צי שפּעט — — —

און דו און איך — מיר זענען ביידע דאָך שוין אַלט,
מיט אַסיען פול מיט אומעטיקן — געל און קאַלט;

און ס׳איז ניט ווייט דאָך יענע שעה, ווען איך און דו,
עס וועט אונז ביידן הילן שוין די קבר-רו — — —

צו אַ צווייטן קאָלעגע

ניט פאַר נחת, ליבער חבר, שרייב איך שירים, —
אין אַן אומעט אין אַ טיפן אָנגעקלײדט;
כ׳האָב אין לעבן קנאַפּ געוווסט פון שיר השירים,
ס׳האָט קוהלת מיך אין לעבן אָפט באַגלייט.

פון די ערשטע יינגל־טעג האָב אַלץ געוואָגלט
און געוווסט שוין, וואָס איז עלנט, וואָס איז נויט,
און מיט מחלות אלערליי זיך אָנגעלאָגלט,
און ניט איינמאָל זיך געזען שוין מיטן טויט;

און פון מענטשן האַרטע, בייזע האָב געליטן,
פון מלחמות, פון הריגות, — פול מיט גרויל;
און געזען אויך, ווי מיין שטאַם מען האָט פארשניטן,
ווי מיין פאָלק מען האָט פארגאַזט, מען האָט פארקוילט.

כ׳בין אין געטאָ, בין אין לאַגער ניט געוועזן,
ניט געשטאַנען פאַרן „אוויוון״ — אויסגעפּיינט:
אָבער ליידן נאָגן סיוּוי גאָר מיין וועזן,
אָבער פּיינען פּלאָגן סיוּוי גאָר מיין זיין.

און אצינדער, אין די יאָרן מיינע אלטע,
ווען דער קאָפּ, פון שלייף ביז נאַקן, איז שוין גרוי, —
כ׳מוז פון גאַס און איר געשריי זיך אָפט באַהאַלטן,
טעג און נעכט אין בעט אַלץ ליגן — מיד אזוי.

נאָר די נויט, זי טרייבט אינדרויסן, חבר ליבער, —
צו די מענטשן מיט די בליקן — קאַלט און קרום;
און וואָס ווייטער, ווערט אַלץ קעלטער, ווערט אַלץ טריבער,
און דער מידבר ווערט אַלץ גרעסער רונדאַרום — —

מאַנסט פון מיר, קאָלעגע מיינער, לידער העלע, —
פול מיט פרילינג, פול מיט שיר השירים־פרייד:
כ׳האָב אין לעבן מער געלערנט פון קוהלת,
פון זיין אָסיען פון זיין גרויעם — געל געקליידט — —

צו די יידישע פּאָעטן

איר זענט מיר טייער, יידיש-דיכטער אַלע, —
פון באַרג ביז טאָל, פון סאַמע קרוין ביז פוס;
און מיט אַ האַרץ, מיט ליבע אָנגעקוואַליקט,
איך שיק אייך היינט אַ ברודערישן גרוס.

אייך, ברידער מיינע. אויף דער ערד דער גאָרער
(און אויך שוין דאָרט — אין לאַנד פון רו און פריד);
אייך, זינגער מיינע, — נעפּלדיקע, קלאָרע,
אין בלאַנקע פערזן, אין געגראַמטן ליד.

אייך, דאָן קיכאָטן, — שטעטלדיקע, שטאָטיש,
אייך, בלויע טרוימער אויף דער גרויער וואָר;
פון קאָוונע, ווילנע, ביז די „מינסקער בלאָטעס",
פון וואָלקאָוויסק ביז וואַרשע און ניו יאָרק;

פון ליפּאָוועץ ביז זשעטל און נאַראַיעוו,
פון זשעלעכאָוו ביז גלינע און סמאַרגאָן;
פון קאָרעץ, באָבער, ביז דעם ברעג דעם פרייעם
פון תל אביב, — אין זונגאָלד אָנגעטאָן.

איך האָב אייך ליב — פון סאַמע הייך ביז באָדן,
איר זענט מיר נאָנט — פון ווו אַ וויט, אַ העק;
און מיט די לידער אייערע באַלאָדן —
איך טו אייך נאָכגיין אויף אַ יעדן וועג.

איך גיי אייך נאָך פון „אָרום מיל" און „רייסן" —
ביז „בריסק" און „טאַרנאָוו" און „קענטאָקי"-ערד;
און פון איהומען ביז סיביר ביז ווייסן
(מיט זעאונגען „ישעיהשע" באשווערט).

און מיטן „גייער" יאָרנלאַנג איך וואָגל —
אין זוכן אלץ א זין פאר זיך און וועלט
(און ווער, ווי ער, מיט תיקון אָנגעלאָגלט,
און ווער, ווי ער, מיט קדושה אָנגעקוועלט).

און מיטן מאַן פון „יידישטייטשן" קלוגע
איך שפּאַן שוין יאָרן פון דער שטאָט לובלין
(און מיט מוזיק איך פיל אָן פולע קרוגן,
מיט וואָרט-חידושים — איידל-דין געשפּינט).

איך בלאָנקע אומעט אין די „לאַבירינטן"
פון דעם וולאָצלאַווקער שירים-ארכיטעקט;
און מיטן יאַסער לאָז איך זיך צעווינטלט
אין עולמות באַלאַדישע אוועק.

איך רײַם אַדורך זיך מיטן „גאַסנפּויקער"
דורך הונגער, הפקר, שלעפּערישן פּײַן
און קלאַפּ אין פּויק מיט עלנטקייט באַהויקערט,
באַגלייט פון „אומעט אין לבנה-שײַן".

איך ווײַן זיך אויסעט אויף די שעפּער-שקלאַפן
אין סטראָפן — היים — פון „טרערן-מיליאָנער";
און רוף צו בונט, און פיר צו פרייהייט-האַפנס
פון קוידענאָוו ביז דענווערישע בערג.

אַ „זאָמען ליכט" עס טוט אין מיר פארזייען
דער לויטערער מתרגם פון תנ"ך;
און העלער ווערט מיר, ווען באַניים איך לייען
דעם רעדימער — צו גאָט עס פירט זײַן שליאַך.

— „אָ, וויג מיך, וויג מיך", — מיטן פלאַצקער זינג איך
אין שורות — רייציק, ווי א פרוי'ס א גלעט;
און „ווייסע פריידן" פולע פלאשן טרינק איך
צוזאַמען מיטן שוסטער דעם פּאָעט.

און נאָך, און נאָך — — א גרויסע עדה דיכטער —
פון בעלץ און בירזש, פון לאָדזש און פון ליפּקאַן — —
אַ יעדער איינער — מיט זיין תוך און ריכטונג,
אַ יעדער איינער — מיט זיין בילד און קלאַנג.

איך האָב אייך ליב, איר זענט מיר טייער אַלע, —
סיי צאַרט, סיי האַרט, סיי שטורעמדיק, סיי מילד,
סיי סאָציאַל, סיי פאָלקיש אויפגעשטראַליקט,
סיי פול מיט כלל, סיי בלויז מיט זיך פאַרשפּילט.

איר זענט מיר טייער און איך קען ניט לעבן
אָן אייער וואָרט — אי לעסטעריש, אי פרום:
און כ׳טו אין אים אַלץ ענגער זיך פאַרוועבן
אין איצטיקן פאַרמידברטן ארום.

אָ, ברידער מיינע — עפּישע און ליריש,
מאָדערן-היינטיק און פון נוסח — אלט,
אַלץ עכאָלאָזער ניגונט אונזער שירה
אין אָ-דער וועלט ארום אונז — אַזוי קאַלט.

און ס׳ווערט ארום אונז הוילער אַלץ און קעלטער —
אַ טויבע, שטומע, גלייכגילטיקע פרעמד;
און מיר — מיר זערן אָפּגעבליטעד, עלטער,
מיט פּנימער — צו שקיעה שוין געווענדט.

און קלענער, קלענער ווערט אַלץ אונזער עדה,
און גרעסער, גרעסער ווערט אלץ אונזער וויי:
איך זע עס צו — אַ טרויעריקער עדות,
מיט אויג—שוין מיד, מיט קאָפּ—שוין פול מיט שניי — —

נאָר ביז די טעג די לעצטע מיינע, מידע,
אין דיכטער-גורל אייערן פאַרשמידט,
וועט אין מיין האַרץ אַלץ זינגען אייער יידיש,
וועט אין מיין זעל אַלץ קלינגען אייער ליד.

1939 - 1945

שוין יאָרן

שוין יאָרן ווי פול איז די וועלט
מיט ברוינע און שוואַרצע פאַרלענדער,
צעמבולט מיט גזלה און תל,
פאַרטרונקען מיט שעכטונג און שענדונג.

עס גיסט זיך, ווי וואַסער, דאָס בלוט
פון זקנים און קינדער און מאַמעס;
און קוילער, ער פאַכט אַלץ מיט קנוט,
און צינדער, ער פלייצט אַלץ מיט פלאַמען.

און דאָ איז א פרילינג צעגרינט,
צעבלומיקט — ווי תמיד אין מאַי-טעג;
ווי קען איך מיין זעל זאָגן זינגז?
ווי מעג איך מיין ליד הייסן: צייטיק?

אז מערער איך זע ניט קיין גליק
אין אויפשטייג פון גראָזן פון פעטע;
און האַרבסטיק עס טונקלט מיין בליק
ביים יונגן צעוויקל פון בלעטער.

אַז מערער איך הער ניט קיין פרייד
אין קולות פון פייגל פון פרייע;
און ס׳אָטעמט אַ יעטווידער קווייט
מיט ריח פון מת און לויה.

ניט קלאַנגען פון אקער, וואָס גראָבט
אויף שפע אין שייערס, אין שטיבער;
עס קלאָגט אוים א „מלא״ א ראַב
נאָך מענגעם הרוגים אין גריבער.

ניט אויפבלי (אין לויטערן טוי)
פון פרישע, פון זאַפטיקע בייטן;
עס גייט אויף גערעטן דער טויט
אויף ערדן, מיט באַמבעס פאַרזייטע.

שוין יאָרן ווי פול איז די וועלט
מיט ברוינע און שוואַרצע פארניכטער;
ווי קען איך מיין ליד זאָגן: קוועל?
ווי מעג איך מיין זעל הייסן דיכטן?

פֿאַרהויבן

פֿארהויבן אין זיכער די ברעמען
צו שטערן, צו זונגאָלד, — ווי גוט;
אָ, האַרץ מיינס! איך טו אָפּט זיך שעמען
מיט יעדן דיין שלאָג דאָ — באַרוט.

עס האָט דאָך אויך מיין קאָפּ געקענט זיין
פאר ברוינע אַעראָס א ציל,
און צווישן בנינים צעברענטע
עס וואָלט שוין מיין קערפּער געקילט.

עס האָט מיך א צופאל פארטראָגן
אהערצו מיט יאָרן צוריק;
דאָ ברומט ניט אויף גאַסן, אויף ראָגן
די חיה די בייזע פון קריג.

אין פרידן די דערפער זיך שפּרייטן,
אין שלווה זיך שטרעקן די שטעט;
און שונא, ער זייט ניט מיט טויטן
אויף פעלדער, באוואקסן מיט זעט.

נאָר סיידוי פארנעמט דאָ מיין אויער
אַעראָס-גערוישן פונהויך,
פון שווערע סנאַריאַדן דאָס וואָיען,
געשרייען אין פייער, אין רויך.

נאָר סיידוי איך הער דאָ די רופן
פון קינדער — פארוווּנדעט — נאָך הילף,
פון מאַמעס — מיט קוילן אין גופים,
פון זקנים — אין פלאמען געהילט.

זיי קומען פון איבער די ימען,
פארפאָלגן ביינאַכט און בייטאָג — — —
אָ, האַרץ מיינס! איך טו אָפּט זיך שעמען
מיט יעדן דיין ווארעמען שלאָג.

סע שטייען ערגעץ

סע שטייען ערגעץ וועלדער, שטעט אין רויך, אין פלאַמען,
עס ברענען ערגעץ דערפער, פעלדער, פול מיט שלאַכט;
און איבער קינדער — אויסגעקוילעטע — קלאָגן מאַמעס,
און איבער מאַמעס — אויסגעשאָכטן — הויערט נאַכט.

עס ציען ווו מיט טריט מיט מידע פליטים-וואַגלער —
מיט זעק אין הענט, מיט פעק אויף אַקסלען, יונג און גרייז;
און איבער קעפ מיט הייסן בלייַ עראָם האָגלען,
און אלע ווייל פאלט ווער אוועק מיט אויג — פארגלייזט.

און דאָ — אין פריד, אין זיכערקייט עס רוען היימען,
פון יעדן הויז, פון יעדן קאַמער פליסט מיט זעט;
מיט רויך צעשמעקטן איז באַזאָרגט א יעדער קוימען,
מיט קישנס ווייכע איז באַשטאַט א יעדע בעט.

פון שטעט, פון דערפער ציען זיך שאָסייען גלאַטע
און איבער זיי — געזאַנג פון אויטאָס אין געיעג,
און אין די אויטאָס מאַמעס, קינדער, זקנים זאַטע, —
מע פאָרט געניסן פון די שיינע גרינע בערג.

און פול עס זענען די האָטעלן מיט פאַרוויילער,
אין זון אין הייסער קערפער נאַקעטער זיך הילט,
ביי קאָרטן-טישלעך פינקלען אויגן, שמייכלען מיילער,
צום טאַקט פון דזשאַז פאַרשייטע פּאָרלעך טאַנצן ווילד.

און רונד אַרום זיך טיפן הימלען בלוי צעשפרייטע,
און רונד ארום זיך שטרעקן ערדן — העל באַזונט;
און יעדער בוים, און יעדער גראָז, און יעדער קוויטל —
פול פייגל-קלאַנג און גריל-געזעג און בין-געזשום.

און איך אַדאָ — איך דריי זיך אומעט א צעדולטער,
און איך אַדאָ — איך זע מיין היים אין פייער-קאָן,
און גריבער זע איך — מיט הרוגים אָנגעפולטע,
און כ׳ווייס ניט מערער ווי צו לעבן, וואָס צו טאָן.

אין שוואַרצער שרעק

אין שוואַרצער שרעק די העלע פרילינג-טעג פאַרגייען,
אין גרויער פּיין די בלויע נעכט, זיי גייען אָפּ:
דאָס אויג, עס זעט ניט קיין געבלי, נאָר וויס פון שנייען
אויף יעדן בוימס אויפסניי צעגרינטן צווייגן-קאָפּ.

דאָס אויער הערט ניט קיין געזאַנג, נאָר זשום פון קוילן
אין ווי פון ווינט פון וואַרעמען, אין פויגל-קול:
די דינע לופט, זי שמעקט מיט גרוב, מיט מת און פוילונג,
די מילדע זון, זי פלייצט מיט קעלט אויף הייך און טאָל.

וואָס טויג דער מאַי, וואָס נוצט דער יוני — גאָלדיק-בלענדיק,
אז געל, ווי האַרבסט, איז דאָס געוויסן פון דער וועלט!
אז יעדע רגע ווערן לעבנס ווי פאַרלענדעט!
אז יעדע רגע ווערן היימען ווי א תל!

אָ, דופט פון בעז! אָ, פאַרביקייט פון בלום פון צאַרטער!
איר שמעקט מיר איצט—א ביין א שאַרפער אין מיין האַלז!
כאָטש נעם דעם קאָפּ און — שמעטער אים אָן וואַנט אָן האַרטער,
כאָטש נעם פאַרוואַרף זיך, ווי א שטיין, אין כף-הקל.

צי האָט זיך ווער

צי האָט זיך ווער פון זיי געראַטעוועט —
פון שטעט? פון שטעטלעך? פון ישובים?
עס בלוטט אין נאַכט א שעה א שפּעטע
און — כ׳הער פון איר ניט קיין שום תשובה.

דער קאָפּ איז פול מיט שווערן טראַכטן,
די בליקן — פול מיט שוואַרצן חלום;
וואָס זעסטו, אויג מיינס, אין דער נאַכט איצט?
אַן ערד א וויסטע, פול חללים.

אַזויפיל שוועסטער, מאַמעס, ברידער, —
אויף יעדן וועג, ווי שטויב צעטראָטן;
צעהאַקטע קעפּ. צעבראָכטע גלידער, —
אין לאַנגע ראָוון אָנגעשאָטן.

ווו היים געוועזן איז — טויט און חורבן,
צעקרישלט גלאָז און ווענט אין פלאַמען,
און שטיקער ציגל אָנגעהורבעט,
און אויסגעפליקטעביימער-שטאַמען.

דער קאָפּ איז פול מיט שוואַרצן קלערן,
די אויערן — געשפּיצט ביז פלאַצן;
וואָס טוסטו אין דער נאַכט-שעה הערן?
אַעראָם רוישן, באָמבעס פלאַצן.

און א געטראַמפּל פון חיילות
אויף היימשטאָט-גאַסן אויף די אַלטע;
פאַרשטיקט געוויין און שטום יללה
פון ליבסטע לעבנס — ווו באַהאַלטן — — —

אָ, זע, מיין אויג, אָ, הער, מיין אויער,
וואָס מערער גרויל, וואָס מער געקלאָגן,
און זאָל מיך עסן האַרבער טרויער,
און זאָלן פּיינען האַרב מיך נאָגן!

אָ, ווערט ניט מיד פון זען, פון הערן
וואָס מער געשריי, וואָס מערער חושך!
— — — — — — — — — — —
אין פענצטער פינטלען ווייטע שטערן
און — זענען גאָרניט, גאָרניט פּותר.

ס׳איז אלול

ס׳איז אלול. די פעלדער — אין גאָלדענעם שיין
פון זאַנגען פון רייפע, מיט זון דורכגעבאַקן;
אוןביימער אין סעדער — פארגאָסן מיט ווייך
פון צייטיקע פרות, מיט פאַרב אין די באַקן.

פון גראָזן אַ זעגן פון גרילן זיך טראָגט
אין רוימען אין קלאָרע, אין זויבערע הייכן;
און לויטער — די וויטן, און ליכטיק — דער טאָג,
און ווינטן עס וויען געווירציקע, ווייכע.

אַ שטילקייט זיך וויקלט אויף מיילן ארום,
באַרינגלט מיט היגלען און טאָלן צעגרינטע;
און פאַרמס עס דרעמלען אין פרידן, אין רו —
מיט זאַטקייט פון זומער פון העלן באַשפינטע.

איך גיי איבער וועגן און אויג מיינס באַטראַכט
די שפע אויף בייטן, די רייכקייט אויף ביימער,
די שאָפעס, געפאַקטע מיט היי ביזן דאַך,
די הויפן, די פולע מיט עופות, בהמות.

און ס׳קומט מיר אנקעגן, פארברוינט פון דער זון,
א כאַפּטע האַלב נאַקעטע קינדער און ווייבער
מיט רונדע געזיכטער (פון פוטער און הון),
מיט פריש אויסגערוטע, צעוואַרעמטע לייבער.

ווי זיכער דער טראָט איז, ווי זאָרגלאָז — דער בליק,
געשלאָפן, געגעסן, — שפּאַצירט מען אצינדער:
איך לאָז זיי פארבייגיין, דריי אום זיך צוריק
און — אויג מיינס באגלייט זיי, די ווייבער, די קינדער.

און ס׳קומט מיר אין זינען אן אנדער מין בילד,
עס גרויט אָן אין אויגן מיין זאַמדיקע ליטע, —
אין פייער געוויקלט, אין רויכן געהילט,
פון שטיוול צעטראָטן, פון טאַנקען צעשניטן.

אין גריבער — די פעלדער, און ווו נאָר א גרוב —
הרוגים, האַלב טויטע איניינעם עס ליגן;
און שטילקייט פון קבר — אווו נאָר א שטוב
(ווו מאַמע געוויגט האָט איר עופל אין וויגל).

און געטאָס זיך שטעלן אוועק פאר מיין בליק,
פארשאָטן מיט גזרות, ווי רוימען — מיט שטערן,
פארצויגן מיט דראָטן, ווי העלזער — מיט שטריק,
פארגאָסן מיט בלוטן, פארטרונקען מיט טרערן.

און ס וואַקלען אויף גאַסן אין שמאַטעס, אין לייז
(פון קוילער באַהיטע, פון שעכטער באַוואַכטע)
אי קינדער, אי מאַמעס, אי בחור, אי גרייז
און — זוכן מיט הונגער אין בליקן פארשמאַכטע.

צי האָט איר געפונען א סקאָרינקע היינט
אויף מיסטן אויף דאַרע אין געטאָשע הויפן?
און איר, מיינע נאָנטסטע (ווי שניידיק — מיין פיין),
צי זענט איר כאָטש רייך היינט מיט ברויט פאר אן עופל?

ס׳איז אלול. די פעלדער — געגרייטע צום שניט,
די ביימער — באַהאַנגען מיט פרות מיט זיסע.
איך שפּאַן איבער וועגן אין זעט און אין פריד,
און הארץ מיינס — עס ווערט מיר אויף שטיקער צעריסן.

אַ ניט־געשיקטער בריוו

דורך צוואַנציק יאָר — די זעלבע דירה,
אויף זעלבער גאַס, אין זעלבן הויף:
אַ קאָרידאָר און טרעפּ, וואָס פירן
צום העכסטן גאָרן — העט ארויף.

אַ קרומע שוועל, אַ טיר אַן אַלטע,
פיר צימערלעך מיט פענצטער — קליין,
מיט ווענט — געבויגן, פול מיט שפּאַלטן: —
מיין אָרעמע, מיין ליטע-היים.

איז זעץ איך זיך אוועק דאָ ווידער
און נעם פּאַפּיר, אַ פּען און טינט:
וואָס מאַכט איר דאָרטן — מאַמע, ברידער?
וואָס מאַכט אַ יעדנס הויזגעזינד?

אַט ליגט פאַר מיר דער שוועסטערס קאַרטל,
געשריבן אין איר פרומען סטיל:
ווי תמיד, פול מיט שורות צאַרטע,
ווי שטענדיק, פול מיט ווערטער — שטיל:

מען איז געזונט — איך זאָל ניט זאָרגן,
מע לעבט אַדורך זיך ווי עס איז:
מען האָפט צו גאָט: עס וועט דער מאָרגן
פיל בעסערס ברענגען אויף געוויס — —

איך לייען עס מיט בליקן באַנגע,
איך לייען עס מיט זעל — אין פיין:
אַט זענען וואָכן שוין פאַרגאַנגען
פון יענער נאַכט — אין שטערנשיין.

ווען פּלוצים האָבן מענטשן־חיות
באַהאָגלט אייך מיט טויט פונהויך
און ניט איין הויז — פאַרהילט אין פייער,
און ניט איין גאַס — פאַרקנוילט אין רויך.

אין יענער נאַכט איך בין געשלאָפן,
ווי שטענדיק דאָ, מיט פריד באַרוט;
קיין חשד געהאַט, וואָס האָט געטראָפן
מיט אַלע אייך — מיין אייגן בלוט.

נאָר אינדערפרי האָט מיר די בשורה
א זעץ־געטאָן איבערן קאָפּ
און איינגעקלעמט מיך אין יסורים,
וואָס לאָזן מיך שוין מער ניט אָפּ:

וואָס איז געשען מיט אייך מיט אַלע?
צי לעבט איר נאָך? צי זענט איר גאַנץ?
צי אפשר האָט שוין אויסגעהלפּט
ביז איינעם אייך דעם שונאס האַנט?

צי זענט איר אויפן אָרט געבליבן?
צי זענט איר אפשר ווו אַוועק?
און אויב אַוועק — וווהין געטריבן
איר ווערט אצינד, באַיאָכט מיט פּעק,

אין הונגער, דאָרשט, אויף הפקר־וועגן,
מיט וואַקלדיקע, מידע טריט;
אין ברען פון זון, אין נעץ פון רעגן, —
מיט הייסן בליי געדיכט באַשיט?

און ווי די מאַמע טוט זיך פילן
אין אזא מצב — אַלט און שוואַך?
זי קען זיך נאָך אין וועג פאַרקילן
און — בלייבן ווו שוין אויף א שליאַך.

און ווי איז מיט די קליינע קינדער —
צום שווערן וואַנדער ניט געוויינט?
(אזעלכע עופּלעך — וויי און ווינד מיר,
אזעלכע ברעקלעך — ווינד און וויי).

און וואָס איז מיט דער שטוב געוואָרן —
מיט יעדער בעט, מיט יעדן טאָפּ?
און וואָס איז מיטן טאַטנס ספרים —
אין שאַפעס, אלמערם אָנגעפּראָפּט?

צי איז געבליבן גאַנץ דאָס אלעס?
צי אפשר שוין מיט רויך אוועק?
דער היימישער, דער פרומער דלות,
וואָס האָט מיך אין מיין וויטן וועג

אַרויסבאַגלייט צוריק מיט יאָרן
מיט גלעטנדיקן, פייכטן בליק;
מיר צוגעווונטשן, אז מיין פאָרן
זאָל זיין געראָטן, פול מיט גליק.

אָט זע איך זיך פון אייך באַרינגלט
אין שטילער היים צום לעצטן מאָל;
באַקוק דאָס הויז, א יעדן ווינקל
און — הער זיך איין אין יעדנס קול:

מע זעגנט זיך. און טרערן רייסן
פון טיפן מיינע זיך אַרויף;
זיי נעמען מיר די אויגן בייסן,
זיי פינקלען אויף די וויעס אויף:

צי וועל איך זען נאָך אָ-דאָס שטיבל,
די צימערלעך, די קרומע ווענט? — —
און — לעצטער קוש פון מאמע ליבער,
און — לעצטער דרוק פון ברידערס הענט.

און — כ׳בין אוועק. אין ווייט אין פרעמדער.
אוועקגעוואָגלט, איינאליין.
און פון דאן אָן פון שטעט און לענדער
איך שיק, ווי איצט, אלץ בריוו אהיים — — —

נו, אָט: מיין בריוו, ער איז שוין פארטיק,
און גרייט איז אויך שוין אַ קאָנווערט;
איך קלעפּ אויף אים ארויף א מאַרקע —
אין בלוי-קאָליר, פינף סענט די ווערט.

צי קען איך אָבער איצט אים שיקן,
אז ווייטע היים — אין שונאס קלעם? — — —
איז בלייבט דער בריוו א ניט-געשיקטער
מיט מיר צוזאַמען אינדערפרעמד.

די וואַנט

ביינאַכט. לבנה, ווי פון גאָלד א פלעדערמויז, —
זי הענגט פארקלערט אין הימלבלוי אין לויטער-טיפן:
אין רו — די שטאָט, א יעדע גאס, א יעדער הויז,
און אלט און יונג אין טייך פון שלאָף זיך טוען שיפן.

נאָר איך בין וואַך, מיט נערוו מיט יעדן אָנגעשפּאַנט,
אין ליג אין בעט און פרעג זיך אַלץ אין אומרו — ברוויזיק:
געזען אין בלאט היינט, ווי מע בויט זי דאָרט, די וואנט
די געטאָדיקע פאר די יידן דרייסיק טויזנט:

אין יענער שטאָט, וואָס איז אמאָל דיין היים געווען,
ווו האָסט געלאָזן ברידער-שוועסטער, גרויע מאַמע? — —
אָ, טייערסטע! אויב פיינט האָט אייך נאָך ניט פארלענדט,
איז העלפט איר דאָך אין אויפשטעלן די וואַנט מסתמא?

אָט זע איך אייך אין עול פון ציגל און פון ליים,
מיט הונגער-פּיין אין די געזיכטער, אין די אויגן;
פון אָרעמבענדער וויקלט זיך א געל געוויין,
און דאַרע פּלייצעס צו דעם באָדן טיף זיך נויגן.

און איבער אייך עס פּאַכט דער קאַט מיט בייטש, מיט קנוט,
און שלאָגט אויף קעפּ, און שמייסט אויף הענט, אויף רוקנס, אַקסלען;
און ס׳מישט זיך אוים מיט ליים און ציגל אייער בלוט;
און ס׳טוט די וואַנט די בלוטיקע אלץ העכער וואקסן.

אָט שטרעקט זי זיך שוין, ווי א טורעם, אינדערהויך
און קרייזט ארום דעם געטאָשן, דעם גאָרן שטח,
און טיילט אייך אָפּ פון גאַנצער וועלט און פון מיר אויך,
און שיידט אייך אָפּ אויף אונטערגאַנג, — אָן הילף, אָן רעטונג.

אָ, האַרציקסטע! פאַרוואָס בין איך איצט ניט מיט אייך,
ביים וואַנט-געבוי, אין הונגער, דאָרשט, — באַדראָט פון שונא:
און טרינקען זיך מיט אייך צוזאַם אין טרערן-טייך,
און אומקומען — אויב לעבן שווער איז — כאָטש אינײנעם?

איך שעם זיך דאָדערט מיט מיין פרייקייט, מיט מיין זעט,
און מערער נאָך — מיט ליד מיט מיינעם וואָס איך פלעכט איצט:
צו וואָס אַ ליד? צי העלפן קען, צי רעטן וועט
א זמר אייך פון שפּאָט און קלעפּ, פון שאַנד און שעכט-הויז?

איך וויים: עס מוז — און ס׳עט אַמאָל — דער טאָג פון דין
צעטרעטן זיי, די קוילער אייערע, ווי ווערעם:
צי ברענגט ער אָבער מיט זיין קומען א באַזין
פאר אייער בראָך דעם תהומיקן, דעם בלייאיק-שווערן?

ווו איז ער, יענער אלערהעכסטער אידעאַל,
ווו איז די פּאָן די זויבערסטע פון אלע פענער,
וואָס זאָל באַיאָען אייער וויסטן כף-הקל,
אריבערוועגן אייער גרויליקן גיהנום?

איך זע מער גאָרניט — זע נאָר נאַכט און חושך בלויז:
און ס׳גיסט דער חושך קבר-בלינדקייט אויף מיין פנים;
און גלייכגילטיק עס קוקט זיך צו פון הימלבלוי —
א פלעדערמויז פון גאָלד פון קאַלטן — די לבנה.

מיין מאַמע קלייבט זיך אין געטאָ

וואָס נעמט מען מיט? וואָס לאָזט מען דאָרטן איבער?
די צייט איז קורץ און גרויזאַם איז דער פיינט:
די שטילע היים, די אָרעמע, די ליבע, —
מיין מאַמע מוז פאַרלאָזן זי נאָך היינט.

זי פּאַקט אויפגיך פון בעטן און פון שאַפעס:
א קישעלע, א גלאָז, א קלייד, א ציך:
דעם קרבן-מינחה, קינדער-פאָטאָגראַפיעס,
די לייכטער צוויי, א טוטעלע מיט ליכט — — —

אין פענצטער קלאָרט א זוניק-העלער טאָג.
פון יידן-שכנים טראָגט זיך א געקלאָג:
עס נענטערט זיך די גזרהדיקע שעה — — —

מיין מאַמע פּאַקט. מיט אלטע, בלייכע הענט.
אויף פענצטער-שויבן שקיעה ראָז דערברענט
און יעדע זאַך זיך בעט: ניט לאָז מיך דאָ — — —

נשמת כל חי

נשמת כל חי — האָבן יידן געזונגען
אין די וואַגאָנעס אָן עסן, אָן טרינקען:
ס׳האָבן די רעדער די קולות פאַרקלונגען
און זיך געטראָגן קיין אוישוויץ, טרעבלינקע.

פולע וואַגאָנעס — מיט טאַטעס, מיט מאַמעס,
קינדער און זקנים, בחורים און בתולות;
קראַנקע, געזונטע און מתים, — צוזאַמען,
אַלע צוזאַמען, — צו לעצטער „גאולה״.

ס׳האָט אין א ווינקל אן עופל געשריען —
מילך אַלץ געמאַנט ביי דער מאַמען דער טויטער;
און קרעמאַטאָריש געברענט האָט א שקיעה
ווייט, ביי די ראנדן פון מערב פון רויטן.

נאַכט איז אראָפּ אויפן צוג אויפן לאַנגן,
ס׳האָט זיך דער הימל גינגאָלדיק צעשטערנט;
ס׳איז זיך א מיידל אין יאָמער פאַרגאַנגען,
לאַנג זיך מיט פויסטן געשלאָגן אין שטערן.

היים איז געוועזן אין וואַגאָן אין געפּאַקטן,
און אויפן דאַך איז א שומר געשטאַנען, —
טרעפּלעך געשאָסן אין יונג אין געוואַגטן —
רעטן געפּרופט זיך פון באַן קיין מיידאַנעק.

טאָג איז געקומען און טאָג איז אוועקעט,
ווידער איז אָוונט און ווידער — באַגינען;
ס׳האָבן „טראַנספּאָרטן״ געמאָסטן די שטרעקעס —
יידן געפירט אַלץ פון פוילן-מדינה;

ייִדן פון פראַנקרייך, פון האָלאַנד, פון ליטע,
גרייזע און יונגע, מיט בערד און געגאָלטע,
ייִדן מיליאָנען — צו דייטשישער שחיטה:
גאַזן און אויוונס און ביינער צעמאָלטע — —

נשמת כל חי — האָבן ייִדן געזונגען
אין די וואַגאָנעס אָן עסן, אָן טרינקען;
ס'האָבן די רעדער די קולות פארקלונגען
און זיך געטראָגן קיין אוישוויץ, טרעבלינקע.

טויטן־מאַרש

מע טרייבט זיי פון געריליץ, מע טרייבט קיין טיראָל,
פון רגעם, פון שעהן עס מערט זיך די צאָל;

אוועק זענען טעג שוין, מעת-לעתן א סך;
פארגאנגען א וואָך שוין — עס טרייבט אלץ די וואך:

אוקראינער און דייטשן, פון כלבים באַגלייט;
מע טרייבט זיי דורך פעלדער, דורך וועלדער—פארשנייט;

א מחנה א לאַנגע — האַלב-נאַקעט, אָן שיך, —
דורך זומפּן דורך טיפע, דורך בלאָטעס — געדיכט;

אין דאָרשט און אין הונגער, נאָר הויט און נאָר ביין,
אין הוסט און אין פיבער, אין זיפץ און געוויין — —

ס׳האָט היטלער באפוילן ביים ענדע פון קריג:
ביז יודע ביז לעצטן דערשים און דערשטיק,

קיין עדות זאָל בלייבן פון ברוינעם פארברעך,
מיט קאָלבע דערהאַרגע, מיט מעסער דערשטעך — —

א מחנה א לאַנגע, נאָר קירצער זי ווערט:
א יעטווידע רגע אַ שאָס זיך דערהערט,

אין בלוט אין אַ טייכל א שאָטן עס פאַלט
און — בלייבט שוין — אויף הפקר — פאר חיה אין וואַלד,

פאר מויז אויף די פליינען, פאר קראָ אינעם טאָל;
מיט איין יודע קנאַפּער צום ווייטן טיראָל — —

און מחנה, זי קוקט ניט, — אויף איינעם, אויף צען,
אויף הונדערט, אויף טויזנט, — ווי קיינמאָל געווען;

זי שלעפּט זיך אַלץ ווייטער — א ריזיקע ריי,
א ריי „מוסולמענער" — אין ווינד און אין ווײ.

עס נידערט אן אָוונט, עס ווייזט זיך א דאָרף,
אויף באָדן אויף נאַסן מע טוט זיך א וואָרף,

אין הויפן פארשנייטע, אין שטאַלן אויף מיסט,
מיט בליי אין די לייבער, מיט שטיין אין די פיס — —

עס קייט ווער א בולבע — פארפראָרן און רוי,
א צווייטער: ער נאָגט לאַנג א סקאָרינקע ברויט,

א דריטער: ער גריזשעט א ברעט פונעם שטאַל,
א פערטער: ער בעט זיך: פאַרדעקט מיך: ס׳איז קאַלט,

א פינפטער: זאָל קומען דער טויט שוין — ער וואַרט,
א זעקסטער: ער ליגט שוין מיט פנים — פאַרשטאַרט — —

עס גרויט אויף באַגינען, מע שטייט שוין באניים, —
מיט גופים — פארגליווערט, מיט אויגן — פאראייזט,

מע ציילט שוין די מתים: פינף הונדערט — „ניט מער”
(דורך איין נאַכט — אויף תמיד באַהעפט מיט דער ערד).

נו, שנעלער מאַרשירן! נאָך לאַנג איז דער וועג!
אינדרויסן מיט פרילינג מיט נייעם עס שמעקט.

ס׳איז ניסן, א רעגן א קאַלטער עס פאַלט —
צעוואַסערט די וועגן — דורך פעלד און דורך וואלד.

מע טאָפטשעט באַנייעם מיט באָרוועסע פיס,
און דייטשן, אוקראינער, — שוין ווידער מע שיסט,

און הינט עס באַפאלן — אַ רים און א פליק,
א פרישער „קאַצעטלער” א טויטער שוין ליגט.

נאָר קיינעם עס קימערט. אלץ ווייטער מע שפּאַנט.
— אָ, גאָט! אַוו ביסטו? — עס פרעגט ווער אין גאַנג.

נאָר אויך גאָט עס אַרט ניט. פארגעסן ער האָט
זיין אומה זיין טרייע, דער יידישער גאָט.

אָט ליגט זי, זיין אומה, — צעבראָקט און צעצײַנט
פון דייטשן און כלבים, — אין וואַלד און אויף פליין.

פון ניין טויזנט גייער — געבליבן שוין פיר.
פון פיר ווערט נאָר טויזנט — אין נעץ, אין געפריר;

פון טויזנט — נאָר הונדערט, פון הונדערט — נאָר צען.
קיין איינציקער ייד וועט טיראָל ניט דערזען — —

מע טרייבט זיי פון גערליץ, מע טרייבט קיין טיראָל,
פון רגעם, פון שעהן עס מערט זיך די צאָל;

אוועק זענען טעג שוין, מעת-לעתן א סך;
אוועק שוין דריי וואָכן — עס טרייבט אלץ די וואַך — —

ניט פאַר גאָט

ניט פאַר גאָט, ניט פאַר ניטגוטן
האָב איך מורא, שרעק איך זיך:
פאַר א מענטשן — חיה׳ש, בלוטיק,
פאַר א וועזן — גלייך ווי איך.

פון מיין קינדהייט פון מיין פריסטער,
פון די פריסטע יינגל-טעג
האָבן מיך געזוכט, גענישטערט
מענטשן-אויגן, פול מיט העק.

האָב געזען זיי אין דער ליטע,
אויף אוקראינע האָב געזען:
ווילדע האָרדעס, גרייט אויף שחיטה,
ביקסן, מעסערס אין די הענט.

קוילער-אומה פון פעטליורע,
גזלן-פּאַליאַק, היטלער-פאָלק;
ס׳האָט געזוכט מיך יעדער שטורעם,
יעדער קריג האָט מיך פארפאָלגט.

וועלט-מלחמות — ערשטע, צווייטע,
„שלום-צייטן״ — פול פּאָגראָם;
שטענדיק, שטענדיק האָט געשפרייט זיך
פאַר מיין טראָט א טיפער תהום.

אומעטום — מיין בלוט געגאָסן,
אין אַ יעדן לאנד און קאַנט;
ווי די טייכן, דאָרט געפלאָסן;
ווי דער ניעמאַן אין זיין גאַנג,

ווי דער אָדער און די דווינע,
ווי די ווייסל און דער פּרוט:
אומעטום געשטראָמט האָט שינאה,
איבעראַל — געפּליוצט מיין בלוט.

אויך אַדאַ, אין לאַנד אין פרייעם,
טרעף איך אָפטמאָל גרויליק אָן
מענטשן-אויגן — בלוטיק, חיה׳ש, —
גרייטע גיריק בייז צו טאָן — —

ניט פאר גאָט, ניט פאר ניטגוטן
האָב איך מורא, שרעק איך זיך:
פאר א מענטשן — חיה׳ש, בלוטיק,
פאר א וועזן — גלייך ווי איך.

איך שטעט זענען וועלדער

איך שטעט זענען וועלדער און חיות — די מענטשן,
א הייל יעדע גאַס איז, א יעטווידער הויז;
עס רייסט זיך דער הונגער דורך טירן, דורך פענצטער
און טרייבט מיטן מאָרגן אינדרויסן אַרויס.

נאָך ברויט און נאָך קערפּער, נאָך גאָלד און נאָך שליטה,
אין אויטאָס, אין טראַמען, אין באָסעס, צופוס;
עס הילכן די גאַסן מיט רעוו און קאַפּיטע
פון לייב און פון טיגער, פון בער און פון פוקס.

אין שיך אין געפּוצטע, אין בלאַנקע מאַנקעטן,
אין הויזן געפּרעסטע, אין שניי-ווייסן העמד;
עס צינגלען די מיילער פון גאַט און פון עטיק
און — ס׳לויערן מעסערס אין האַריקע הענט.

מיט באַקן געגאָלטע, מיט צורות — באַפּודערט,
אין הוט און צילינדער, אין שניפּס און אין פראַק;
עס פלאַפּלען די ליפּן פון ליבע און ברודער
און — ס׳פינצטערן הערצער מיט שוואַרצן פאַראַט.

פון מאָרגן פון פריעם ביז נאַכט-שעה ביז שפּעטער —
עס גייט אַן געראַנגל פאַר זעט און פאַר לייב;
און ס׳פליקן חלקים — וואָס גרעסער, וואָס פעטער, —
אי יונגלינג, אי זקן, אי מאַנצבל, אי ווייב.

איך שטעט זענען וועלדער, די הייזער — ווי נאָרעס,
די מענטשן אויף גאַסן — צווייפיסיקע וועלף — —
און הבל, ער ווערט אַלץ געטראָטן — א וואָרעם —
פון קין זיין ברודער — דער האַר פון דער וועלט.

צו אַ הונט

אַ מאַמע ביסטו היינט געוואָרן,
מיין קליינע צויג, מיט אויגן גוטע;
לעקסט אָפּ פון לעבנס, ערשט געבאָרן,
די פלעקן דיינע — וואַרעם-בלוטיק.

זיי זוכן, בלינדע, אין דיין בייכל
און פאַלן צו מיט אברים אלע
צו ניפּלען ראָזע — קוואַלן רייכע
און — זויגן, זויגן פון די קוואַלן.

דו קוקסט צו זיי מיט פייכטע בליקן —
א גיביקע, א צערטלעך-פרומע;
דיין בליק דיין יעדער פול מיט גליק איז —
מיט שטומען גליק, מיט פרייד מיט שטומער.

דו ביסט מיר נאָנט, איך פיל דיין פרייד איצט,
איך פיל דאָס גליק פון מאַמע ווערן,
פון לעקן קינד אין פעלכל-קליידונג,
מיט אייגן מילך מיט זים עס נערן.

דו ביסט מיר נאָנט. און נענטער ביסט נאָך
פון ווערנס פיל פון מין פון מיינעם,
פון מענטשן-מין וואָס בלוט פארגיסט ער,
וואָס מאָרד ביי אים — א טיפער תענוג;

וואָס מאַטערט גיריק לייבער אלטע,
וואָס רייסט אויף שטיקער יונגע לייבער,
און עופלעך-קעפלעך טוט ער שפּאַלטן,
און בייכער — טראָגעדיג — פון ווייבער.

אָט טאַקע היינט האָב איך געלעזן
(מיט גרוילעניש אין אלע גלידער),
ווי ס׳האָבן דייטשן — מענטשן-וועזנס —
צום טויט געיאָגט המונים יידן;

ווי אָנגערייצט זיי האָבן כלבים
אויף מחנות קינדער, מאַמעס, זקנים
און זיי צעשאָסן אין די ראָוון,
און זיי פארטיליקט אויף די פליינען;

ווי בלוט געצאַפּט מען האָט פון קינדער,
ווי הויט געשונדן — פאַר קאָסמעטיק;
ווי אויסגעשלאַכט זיי, ווי די רינדער,
עס האָט דאָס פאָלק פון קאַנט און געטע.

דו ביסט מיר נאָנט, מיין צוויג מיין גוטע,
מיט מאַמע-אויגן מיט געטריע;
דו ביסט מיר נענטער פון מיין ברודער,
וואָס איז אָפט בייזער פון א חיה.

ווי פרעמד

ווי פרעמד עס קען אן אייגן היים מיר ווערן —
מיין היימשטאָט קאָוונע, שטאָט פון מיין געבאָרן;
געשיינט האָט זי מיר, ווי א העלער שטערן, —
איז זי א גרוב א שוואַרצע מיר געוואָרן;
אַ נײַנטער פאָרט ווו מאַמע איז פארשווונדן *)
ווו ברידער-שוועסטער — זיך אויף אַש צעשאָטן;
געווען איז זי מיט גאָט אמאָל פארבונדן,
איז זי אַצינד באַהאָפטן מיטן שטן.
פארפלוכטער דייטש! פארשאָלטענער ליטווינער!
ניט נאָר מיין היים האָט איר מיט טויט פארכלינעט —
געטויט האָט איר מיין ליבשאַפט אויך צו ליטע.
מיך שווידערט איצטער פון איר ערד און הימל,
און כ׳מעק זי אויס — ניט בלייבן זאָל קיין סימן
פון איר אין מיר — אויף עולמות פארשניטן — — —

זיי קומען נאָך צוגיין

זיי קומען נאָך צוגיין, די טײַערע געשטאַלטן,
און שטעלן זיך פאר מיר, ווי לעבעדיק, אוועק:
ווי אין די ווייטע טעג, אין שטילער היים, אין אַלטער,
וואָס איז אויף תמיד שוין פאַרטיליקט און פארמעקט.
זיי קומען נאָך צוגיין פון גריבער ווו פארבאָרגן,
פון קאַמערן מיט גאַז, פון קרעמאַטאָריע-רויך;
מאַרטירעריש געלעבט, מאַרטירעריש געשטאָרבן,
פארשוווּנדן ווו אין גרונט, פארשוווּנדן אינדערהויך.
זיי קומען נאָך צו מיר — מיך טרייסטן אין מיין עלנט,
איך זאָל זיך דאָ אַליין אַזוי-אַ שווער ניט קוועלן;
זיי קומען נאָך פון „דאָרט" און ווילן דאָ מיט מיר.
אָ, האַרציקע! אַ דאַנק פאר קומען און פאר ווילן.
ניט פיל איז צווישן אונז געבליבן שוין די מײַלן.
ניט ווייט איז שוין דער טאָג, ווען איך וועל זיין, ווו איר.

*) דער נײַנטער פאָרט —
א פאַרלענד־פונקט לעבן קאָוונע, ווו די נאַציס
האָבן אומגעבראַכט צענדליקער טויזנטער יידן.

איך וועל זיי קיינמאָל ניט פאַרגעסן

אברהם מאפו און עליאַשעוו
(וואָס איז באוווסט ווי בעל-מחשבות) —
אויף זייער נאָמען זענען גאַסן
געווען אין שטאָט פון מיינע אָבות;

אין קאָוונע-שטאָט, אין גרויער ליטע,
ווו אויפגעגרינט עס האָט מיין לעבן
(אָ, יענע יאָרן בלוי-צעבליטע,
פול ראָזן טרוים און העלן שטרעבן!)

אין יענע ווייט פאַרווייטע יאָרן
(איך קען זיי קיינמאָל ניט פארגעסן)
מיר האָבן אויף א דריטן גאָרן
געוווינט לאַנג אויף עליאַשעוו-געסל.

די היים געווען איז קליין און אָרעם,
אַ טונקעלע, מיט ווענט — אין שפּאַלטן,
נאָר פול מיט ביכער און מיט ספרים,
מיט וויסן — ניי און תורה אלטער.

נאָך דרייסיק יאָר איך זע פון דאַנען
אַ יעדן קאמער, יעדן ווינקל,
די פרומע אויגן פון דער מאַמען
(ווי ליכט פון שבת אין געפינקל).

די שוועסטער מיינע — דין און איידל,
איר מאַן און טאָכטער — שטילע טויבן;
די ברידער פיר — פארטאָן כסדר
אין אידעאַלן — שיין, געהויבן,

און זיך — שוין מער ניט אין ישיבה,
נאָר מיט אַן אַנדער הויכן חלום — —
כ׳פלעג אָפט באַטראַכטן קאָוונער סביבה
פון אונזער היים — דורך פענצטער שמאָלע:

געזען דאָרט, אונטן, אַלטשטאָט-גאַסן, —
מיט ענגע הויפן, קרומע הייזער,
געזען דאָס געסל פון עליאַשעוו —
מיט יידן פול מיט יונגע, גרייזע;

אַן ערד אַ נאָנטע דאָרטן, אונטן . . .
און איבער מיר — א הימל — היימיש . . .
און ס׳פלעגן ווערטער העל צעזונטע
אין זעל א קוואַל-טאָן טיף, געהיימיש — — — —

אַזוי-אָ זענען טעג אַוועקעט,
אַזוי-אָ — יאָרן ווי פארפלויגן — —
ביז נייע שטעט, אויף הויגע שטרעקעס,
צעהילט זיך האָבן פאר די אויגן.

איך בין שוין לאַנג אַדאָ געוועזן,
אַדאָ געלעבט, אַדאָ געליטן — —
נאָר אלץ פארבונדן מיט די וועזנס
די האַרציק נאָנטע אין דער ליטע;

דורך „בריק” פון בריוו געוועזן באַהאָפטן,
דורך שורות — צאַרט — פון שוועסטער, ברידער;
און אַלץ געחלומט, און געהאָפט אַלץ:
מיר וועלן ווען נאָך זען זיך ווידער;

איך וועל נאָך זען די אַלטשטאָטגאַסן —
מיט יידן פול מיט אָרעם-ליבע;
דאָס קליינע געסל פון עליאַשעוו —
מיט יענע הויפן, יענע שטיבער;

איך וועל נאָך זען אין געסל קליינעם
מיין שטילע היים, א יעדן קאמער:
מיר וועלן ווידער זיין אינײנעם,
מיר וועלן ווידער זיין צוזאַמען — — —

האָט ברוינער שד א פלייץ-געגעבן —
מיט חיה׳שן, מיט ווילדן צאָרן,
אַ סוף געמאַכט צו יידן לעבן
אין שטאָט פון מיינע פרילינג-יאָרן.

מען האָט זיי אַלע דאָרט פארטריבן
(אריבער בריק פון דער ווילִיע)
אין געטאָ ענגן, קאַלטן, טריבן, —
אויף בלינדן זיין און וויסטער שקיעה.

און היים — געבליבן אויסגעליידיקט,
א הפקר-היים פאר יידנפרעסער:
פון רויב און מאָרד א שטומער עדות,
פון ביקס און האַק, פון שווערד און מעסער.

און גאָרע שטאָט, און שטעטלעך אַלע,
ווו דורות-לאַנג האָט ייד געהיימישט,
מיט גאָט-געבאָט געלעבט, געקוואליקט, —
געבליבן הויל און — פול מיט אימה.

ניטאָ אים מער, דעם ייד פון ליטע, —
פון עזשערען ביז ראנד פון פרייסן;
א גאנצער שבט איז פארשניטן —
ווי שבט פוילן, שבט רייסן — — —

ניטאָ זיי מער, די קאָוונער יידן —
פון מאַפּו-גאַס, עליאשעוו-געסל — —
ניטאָ מער מאַמע, שוועסטער, ברידער — — — —
— — — — — — — — — — — — — —
איך וועל זיי קיינמאָל ניט פארגעסן.

זיי זענען אַלע מיט מיר דאָ

איך האָב געקענט אַזויפיל יידן —
פון קאָוונע, ווילנע, קוידענאָוו;
פון שול און וואַרשטאַט און יאַרידן;
מלמד, קרעמער, שוסטער, רבֿ.

איך האָב געקענט אזויפיל יידן —
פון לעמבערג, לידע, ביאַליסטאָק;
חזנים, שניידער, שרייבער, שמידן;
פון קעלערשטוב, פון הויכן שטאָק.

איך האָב געקענט אַזויפיל יידן —
אי מאַן, אי פרוי, אי יונג, אי גראָ;
מתנגדים קאַלטע, הייסע חסידים; —
זיי זענען אַלע מער ניטאָ.

נאָר אינדערשטיל, ביי זיך אין קאַמער,
צי אויף אַ פעלד ווו, איינאַליין, —
זיי קומען אַלע, טאַטעס, מאַמעס,
פון זייער „רו" צו מיר צוגיין;

זיי קומען אַלע, קינדער, זקנים,
אַ ריי אַ לאַנגע, אָן אַן ענד,
צעשאָסענע אויף וועגן, פליינען,
פון גאַז דערשטיקט, אין פלאַם פארלענדט.

אָט קומט אַ חלוץ פון אַלונטע,
אָט קומט פון ריגע אַ פאַלקיסט,
מיט זיי צוזאַמען, דרייסט און מונטער,
קומט אָן פון קוטנע אַ בונדיסט.

אַט ווייזט זיך גליק, דער קעמפער-דיכטער, —
מיט פּאַרטיזאַנער קומט ער אָן;
און אַט איז מרדכי, גלוביק, ליכטיק, —
פון וואַרשע-אויפשטאַנד, — מיט אַ פּאָן.

אַט גייט אַראָפּ פון תליה כוואַיניק,
און אַסיע ביג — צעזוניקט-העל;
געהאַנגען פונעם קאַט פון ברוינעם
מיט יאַנקל קאַפּלאַן — דריטן העלד.

אַט ווייזן זיך פון וואַלד פּיוואָנער
המונים יידן — יונג און אַלט;
פאַרשאָטענע פון טמא שונאים
אין יענעם אלטן ליטע-וואַלד.

אַט קומען נייע יידן-מאַסן —
פון בערגען-בעלזען, פון בעלזשעץ;
פון גריבער — לאַנג, פון בערג מיט אַשן,
פון זייף — געמאַכט פון זייער פעטס.

און פרישע מחנות זיך באַווייזן —
פון סאָביבאָר און פון פּאָנאַר;
טרעבלינקער יידן — עופלעך, גרייזן,
מיידאַנעקער — מיט ערד פאַרשאַרט;

פון אוישוויץ-לאַגער, שאַוולער געטאָ,
פון מינסק און דובנע און בענדין — —
מיט פּיס — צעבראָכט, מיט קעפּ — צעשמעטערט,
צעציינערטע פון בייזע הינט;

געפאַלענע פון הונגער, טיפוס;
פאַרשניטענע פון מעסער, סערפּ;
דערטרונקענע אין טייכן טיפע;
דערשלאָגענע פון קאָלבע-קלעפּ;

צעמאַרכעטע אָן ווענט, אָן סלופּעס;
דערשטאָכענע פון שפּיז, פון שווערד;
פון שטיוול — שווער — ביז טויט פּארטופּעט;
צעריסענע אויף צוויי פון פערד — —

און אָט זיך ווייזט מיין אַלטע מאַמע,
די שוועסטער מיינע מיט איר מאַן;
פון פּאָרט פון ניינטן, פון די פלאַמען
זיי קומען אָן מיט שטילן שפּאַן.

און אָטאָ זענען מיינע ברידער —
פון אומבאַוווסטע קברים ווו;
באַרינגלטע פון פרוי און קינדער —
זיי קומען אָן פון זייער „רו״.

עס האָט זיך שוין צונויפגעקליבן
די היים די גאָרע — ווי אַמאָל . . .
און ברייטער ווערט אַלץ ראָד פון יידן,
און גרעסער ווערט אַלץ זייער צאָל.

איך זע ארום זיך שוין מיליאָנען —
פון ליטע, פוילן, רייסן-ערד;
מיט ספר-תורהס און מיט פאָנען;
מיט גלאַטע באַקן און מיט בערד;

אין קורצע רעקלער, אין קאַפּאָטעס,
אין שטערנטיכלעך, הוילע האָר;
איך פיל אויף זיך שוין יעדנס אָטעם,
איך הער שוין יעדן איינעמס וואָרט.

אַזויפיל יידן — „לינקע״, „רעכטע״,
טאַמאַראָווס, מיכאַלס, וויטענבערגס;
זיי זענען אַלע דאָ פון שעכטהויז,
פון שאַרבנס, ביינער, — הויכע בערג.

זיי זענען אלע דאָ ארום מיר —
א ריזיק ראָד, פון זעקס מיליאָן;
א דריטל פון מיין נצח-אומה —
צוריק אין לעבן **אָנגעטאָן** — —

— — — — — — — — —

איך האָב געקענט אַזויפיל יידן —
אי מאַן, אי פרוי, אי יונג, אי **גראָ**;
מתנגדים קאַלטע, הייסע חסידים; —
זיי זענען אלע מיט מיר דאָ.

אין זויב

א

גערויש פון רעדער, שאַרכעניש פון שויבן.
א ברייטע, פרייע, זומערדיקע וועלט
זיך איילט אַנקעגן זויבער-בלוי פון אויבן
און אונטן — גרין מיט לאַן און טאָל און פעלד.

א ליכט אזא מין! זונענגאָלד אזויפיל!
און דופטן — דין — פון ערשט געשניטן היי!
נאָר אין דיין זעל באדויערונג זיך כופלט,
נאָר אין דיין האַרץ פארטאָפּלט זיך דער ווײ:

ווי לאַנג נאָך וועסטו פון אַ-דעם געניסן —
פון יעדן גרעזל? פון א יעדן זאַנג? — —
די בערג, די וועלדער, ווי א בוך זיך מישן,
מיט „נאָטן" פול, — פאר פייגל׳שן געזאַנג.

דער באַס, ער שלינגט אלץ מיילן — אויסגעפלאַסטערט,
די ביימער, הייזער יאָגן אויף צוריק;
דו קוקסט מיט אויגן קינדיש איבעראַשטע,
דו פילסט אַדאָס, וואָס ווערט גערופן גליק.

נאָר ווידער נעמט א טרויער דיך ארומעט
און — שטויסט ארוים די פרייד פון דיין געמיט:
קען זיין, דאָס פאָרסטו צו דיין לעצטן זומער,
קען זיין, דאָס יאָגסטו צו דיין לעצטן ליד — — —

גערויש פון רעדער, שאַרכעניש פון שויבן.
א ברייטע, פרייע, זומערדיקע וועלט
זיך איילט אַנקעגן זויבער-בלוי פון אויבן
און אונטן — גרין מיט לאַן און טאָל און פעלד.

ב

בערג אויף בערג — אַוו א קער, אַ ווענד,
פעלדער גרינע, אָזערעם טיף-בלויע;
גיב מיר, ליבסטע, דיינע דינע הענט,
זייַ ניט אזוי זיקנהדיק פארזויערט.

קורץ דאָס לעבן, זעסט דאָך שוין אליין,
אלט מיר זענען, אלט און גרוי שוין ביידע;
קוויק זיך מיט דער לאַנדשאַפט — אזוי שיין,
מיטן גאָרן ערדישן גן-עדן.

אָט א פּאַרם — עופות און אַ קו,
און א יינגל שפּילט זיך מיט א הינטל;
סאַראַ גרויסע, זוניק-העלע רו, —
בוימיק, בלומיק, דופטנדיק צעווינטלט.

אָט אַ דערפל דרעמלט ביי דעם שליאַך:
געסלעך שטילע, קלויסטער-קלאַנגען ווייכע;
דורך א פענצטער קוקט א פרוי פארטראַכט,
אויף א גאַניק זיצט א גרייז און רייכערט.

אָט אַ טייכל — שטעלן מיר זיך אָפּ:
זילבער-פישלעך שווימען אין אים אומעט;
און, ווי שיכור, מיטן קאָפּ אַראָפּ,
וויגט אין אים זיך, גינגאָלדיק, דער זומער.

בערג אויף בערג — אווו א קער, אַ ווענד,
פעלדער גרינע, אָזערעם טיף-בלויע;
גיב מיר, ליבסטע, דיינע דינע הענט,
זייַ ניט אַזוי זיקנהדיק פאַרזויערט.

ג

צו גרינס און וואַסער זענען מיר געפאָרן,
צוויי יונגע מענטשן, — אויף א זומער-טאָג;
עס זענען פעלדער זאַנגיק מיטגעפאָרן,
עס האָבן לאַנען גראַזיק מיטגעיאָגט.

אַזויפיל זונגאָלד אין א יעדן ווינקל!
אזויפיל בלויקייט אויף א יעדער זייט!
די אויגןביידנס האָבן העל געפינקלט,
די הענט — באַרירט זיך — — גאַרנדיק, פארשייט.

דער באָס האָט אַלין געהויבן זיך, גענידערט,
אויף בערג ארויף, אין טאָלן טיף אראָפּ;
און הערצער ביידנס האָבן צוגעפידלט:
אזויפיל פריידן וואַרטן דאָרט אונז אָפּ!

צו גרינס און וואַסער זענען מיר געקומען,
צוויי אַלטע לייט, מיט אויגן — אָפּגעקילט,
געהעלט עס האָט א מאָרגן — היים צעזומערט,
און אינעם טייך א יוגנט האָט געשפּילט.

געשפּאַנט מיר האָבן פּאַזע וואַסער-ראַנדן,
זיך איינגעהערט אין הילכעדיקער פרייד:
א זון א בלאַנקע איז אינהייך געהאנגען,
א ווייכער ווינטל האָט פון טייך געוויייט.

מיר זענען נאָכדעם, פונעם גיין פארמאַטערט,
געזעסן לאַנג אויף שטיגן פון א הויז,
געקוקט מיט קנאה אינעם בליק אין מאַטן,
ווי אונז אנקעגן, אינעם טייך, — עס ברויזט — — — —

ד

ווילדערנישן רונדאַרום,
טאָלן גרייזע, בערג אוראַלטע,
דערנער, שטיינער אומעטום,
וואַסערלעך אין גראָז באַהאַלטן.

שטעגלעך שמאָלע פירן ווו.
דאָ ארייַן און — דאָ שוין בלייבן.
מיט דער פּאָרכטיק טיפער רו.
מיט די ברייטע פעלזן-לייבער.

ניט קיין מענטש און ניט קיין הויז,
ניט מאַשין און ניט געפילדער,
נאָר א הימל — בלוי און גרויס,
נאָר א זון א העל צעשפּילטע.

ניט קיין שטאָט אין שטויב, אין רויך,
ניט קיין גאַסן אין טרעוואָגע,
נאָר אן אָדלער אינדערהויך,
נאָר א בער אין אַ בערלאָגע.

ניט געהילכן פון אַספאַלט,
ניט פון מענגעס דער געהאַווע:
מיילן-ווייטער סומנער וואַלד
און — מירביידע — — אדם-חוה — — — — —

ווילדערנישן רונדאַרום,
טאָלן גרייזע, בערג אוראַלטע,
דערנער, שטיינער אומעטום,
וואַסערלעך אין גראָז באַהאַלטן.

ה

האָטעלן, מאָטעלן אַזויפיל, —
מיט מענער, מיט פרויען פארפולט;
מיט יונג און מיט גרייז און מיט עופל;
באַזעצט יעדע באַנק, יעדער שטול.

האַלב-נאַקעט און הוילע נאָך מערער —
ביי קאָרטן, ביי טענים, ביי גאָלף;
ביים טרינקען, ביי שפייזן ביי שווערע, —
מיט הונגער, מיט דאָרשט פון א וואָלף.

אַן עולם פון זעט און פארוויילונג,
פון גופישער, רווישיקער פרייד;
ביי זוניקע אָזערע-מיילן —
באַרינגלט מיט בערגישער קייט — —

און אונז ציט פון אָ-די מקומות
אין טאָלן אין ווייטע אווו,
ווו שלווה זיך שפרייט אין די רוימען
און ערד ליגט אין גראָזיקער רו.

און אונז ציט פון אָ-דעם געטומל
אין פעלדער — פאַרוואָרפן, פארשטילט,
ווו זון העלט אַראָפּ אזא פרומע
און פרום זענען שטערן צעשפּילט.

און אונז ציט פון אָ-די האָטעלן
אין וועלדער אין טיפע — געהיים,
ווו סודות פארצייטישע קוועלן
פון יעדן באַמאָכיקטן שטיין.

ו

א וואַלד מיט יונגע, ווייסינקע בעריאָזעס
(די קעפּ די גרינע — גרינג צעוויגט אין ווינט);
מיר ליגן דאָדערט אויף א בעט פון גראָז,
אין טונקל-קילן שאָטן איינגעשפּינט.

מיר רוען דאָדערט נאָך א לאַנגן שפּאַנען
דורך פעלד און לאַן — אין הייסער זון געשטרעקט;
דאָס צאַרטע ווייס פון די בעריאָזע-שטאַמען
א ליכטיקע דערמאָנונג אין מיר וועקט.

ס׳דערמאָנט זיך מיר א וואַלד אזא-אָ יונגער —
אין אָ-דעם שיינעם, באַרגיש-גרינעם קאַנט;
מיר האָבן דעמאָלט אין א טאָג, פול וווּנדער,
אין גבול אין זיינעם לייכט אריינגעשפּאַנט;

זיך אויפגעזוכט אַ שאָטן א געדיכטן,
צעמאָסטעט זיך אויף גראָזיק-וויכן גרונט;
דו — פרילינגדיק, מיט פּנים — זוניק-ליכטיק,
און איך לעם דיר — א פרילינגדיקער יונג;

דו — צוויטנדיק, מיט אויגן — זוניק-שטראַליק,
און איך לעם דיר — מיט זונגאָלד אין געמיט;
און ארום אונז — בעריאָזעס, ווי די כלות,
אין קליידער — ווייס, מיט קרוינען — גרין צעבליט.

איך האָב זיך דעמאָלט לאַנג אין דיר געשפּיגלט,
ווי דו אין מיר, — מיט רייץ אין יעדן גליד;
און די בעריאָזעס, אין א ווייסן עיגול, —
געטיילט זיי האָבן אונזער העלן גליק — —

אצינד מיר ליגן איינס לעם צווייטן ווידער,
און ווידער קוק איך לאַנג דיר אין געזיכט;
נאָר פּנים דיינער איז שוין אַזאַ מידער,
און כ׳זע אין אים, ווי אין אַ שפּיגל, — זיך.

מיר האָבןביידע לאַנגשוין אָפּגעפּרילינגט,
אויך אונזער זומער האַלט שוין ביי זיין סוף;
און געלער אָסיען נעמט שוין אונז פאַרהילן,
און ווייסער ווינטער וואַרט שוין מיט זיין שלאָף.

מע דאַרף ניט אָבער לאַנג פון דעם-אָ קלערן:
דאָס וועט אונז דאָך ניט העלפן סייוויסיי:
מיר וועלן ביידע יונג צוריק ניט ווערן,
ניט ווערן ביידע פרילינגדיק אויפסניי.

טאָ לאָמיר טאַקע מער פון דעם ניט טראַכטן,
נאָר רואיק ליגן אויף דעם גראָזן-בעט;
פון די בעריאָזעס רונדאַרום באַוואַכטע,
פון זייער ווייס, פון זייער גרין, — געגלעט.

ז

אַ ברייטער טייך. מיר זיצן דאָ אַביסל.
אין טיפן גרין זיך קייטלען בערג ארום.
אין פּנים ווייט א ווינט א טויאיק-פרישער.
דאָס וואסער פליסט און — פליסטערט עפּעס פרום.

דאָס וואַסער פליסט און פּעלבלט זיך און שוימיקט,
און — שלאָגט זיך אָן אָן שטיינערדיקן זוים;
ארום איז ליכטיק, לופטיק און גערוימיק,
און — ס׳ווילט זיך דאָדערט זיצן אלץ אזוי.

אַלץ קוקן צו דעם וואַסער — אין געפּרעפּל,
צום בלויעם הימל, צו דער זון — צעהעלט;
צום גרין פון בערג — פארשלייערט אין א נעפּל,
צו אַ-דער גאַרער סודותדיקער וועלט . . .

דאָס וואסער פליסט, אינווייט אווו, כסדר,
און פליסן וועט — יאָרטויזנטער געווים;
און איך און דו אויף אָ-דער ערד, מיר ביידע, —
ווי לאַנג נאָך וועלן טראָגן אונז די פיס?

דאָס וואסער פליסט — פול זון און בערג און הימל,
און שלאָגט זיך אלץ אָן שטיינערדיקן ברעג;
און פון זיין טיף איך הער, מיר דאַכט, א שטימע:
ווי אָ-דאָס וואסער, טראָגט זיך אלץ אוועק — —

ח

אַזױפֿיל בײמער אויף די בערג זיך הויכן,
אויף נאַנטסטן בארג — אודאי אַ מיליאָן;
און מיר — מיר גייען מיט די לעצטע כוחות
און זוכן אַלץ א דעמב אַדאַ, א קליאָן.

ביז נאַנטסטן בארג — א היפּשלעכער מהלך,
און ארום אונז — א פעלד — אי ברייט, אי ווייט;
אָן ברעקל שאָטן, היים מיט זון באַשטראַליקט, —
אין יוני-טאָג, אין מיטאָקדיקער צייט.

איך שטעל זיך פאָר א מידבר אַ צעגליטן —
אין טיפן זאַמד, אין העלנדיקער זון;
און אין זיין מיט א מענטש א מידער טריטלט,
און — זוכט א שאָטן, גאַרט א בים, א טרונק.

אזוי מיר ביידע. שוין א שעה מיר שפּאַנען
אין אַ-דעם פעלד — מיט וואַקלדיקע טריט;
און זון — זי גיסט אַלץ פייער פולע קאַנען,
און פון א בוים — קיין שפור, קיין סימן ניט.

נאָר אָט — אַ ווערבע א געבויגן-אַלטע,
זי שטייט זיך דאָ און — חלומט אינדערשטיל;
מיר איילן צו מיט אויגן אויפגעשטראַלטע;
מיר זיצן שוין אין שאָטן אירן — קיל.

מיר נעמען זיך צום מיטגעבראַכטן עסן,
צום פלאַש מיט וואַסער — מיטגעבראַכט מיט זיך;
איך עס און טרינק, נאָר קען אַלץ ניט פארגעסן
דעם מידבר-מענטש — אין זאַמדן ביזל דיך — —

ט

אַזוי, צוזאַמען, זיצן ביי דעם טישל
אין אַ־דעם קליינעם, שטילן רעסטאָראַן;
געלאַסן זופּן דעם געטראַנק דעם זיסן
און — דורכן פענצטער קוקן זאַלבענאַנד:

אַ באַרג אַ הויכער קעגן פענצטער הויערט,
מיט ביימער גראָבע אויף זיין רוקן — גרין;
און איבער באַרג — אַ הימל אַזאַ בלויער,
און אַלץ ארום — אין זונגאָלד איינגעשפּינט.

פון צייט צו צייט עס יאָגט פאַרביי אַן אויטאָ,
פון צייט צו צייט עס גייט פאַרביי אַ מענטש;
און ווידער גלעט אַ שטילקייט אַ צעבלויטע,
און ווידער רוט אַלץ — העל אין זון צעבלענדט.

די קעלנערשע, זי ברענגט אַ צווייטן פלעשל, —
מיט שעמעוודיקן שמייכל אויף דער ליפּ —
מיר זיצן אַלץ, פון גאַרער וועלט פאַרגעסן,
און אַזאַ זיצן איז איצט אַזוי ליב — — — —

י

— געפֿעלן דיר די „קייטן״ פֿון די בערג?
— כ׳וואָלט גערן זיך געלאָזט אין זיי „פֿאַרשמידן״;
און אַלע זיי — אַזוי-אָ גרויס און שווער —
געשלעפּט אויף זיך אין שטאָט אַריין צופֿרידן.

— געפֿעלן דיר די פֿעלדער — אַזוי ברייט?
— כ׳וואָלט גערן זיי אין שטאָט מיט זיך גענומען;
און ווי אַ קינד, מיט זיי דאָרט זיך געפֿרייט
אין וויסטן מיינעם אויסוועגלאָזן אומעט.

כ׳וואָלט יעדן באַרג אַהין מיט זיך געבראַכט,
פֿאַרשטעלט מיט אים — אַזוי אַ גאַס, אַ מויער;
געהיילט מיט אים בייטאָג און ביידערנאַכט
מײַן וווּנדיקן, מײַן בלוטנדיקן טרויער.

כ׳וואָלט יעדן פֿעלד, אַ יעדן טאָל און לאַן
געבראַכט אַהין, צעלייגט פֿאַר מיינע שויבן;
געטרייסט מיט זיי זיך, ווען איך ליג דאָרט קראַנק
און רונדאַרום — אַ מידבר אַזאַ טויבער.

יא

מיר שפּאַנען ביידע אין א דאָרף א שטילן,
אָן קיינע צילן, — אין דער וועלט אריין
(צי מוז מען תמיד לעבן נאָר מיט צילן?
עס ווילט זיך אָפּטמאָל סתם אזוי זיך זיין).

מיר שפּאַנען ביידע איבער שטילע גאסן
און קוקן צו זיך צו א יעדן הויז:
זיי דרעמלען אלע זוניק-העל באוואַשן
און איבער זיי — אַ הימל — בלוי און גרויס.

אזא מין שלווה — אין א טאָג פון יוני,
אזא מין רו — אין סאמע מיטן טאָג:
די זאָרגן, שרעקן זענען ווו צערונען,
פארגעסן זענען קרענק און נויט און קלאָג.

מיר שפּאַנען אלץ. אָט איז א בריק א ברייטע,
פונונטן פליסט א וואסער — טיף און קלאָר,
פונפאָרנט פעלדער הייאיקע זיך שפּרייטן
און איבער זיי א וואָגן לאַנגזאַם פאָרט.

מיר גייען אלץ. מיר קומען צו א לאָנקע.
צוויי פערד זיך פּאַשען — צופּן הייכן גראָז.
מיר טוען ווייטער אָן שום צילן בלאָנקען.
מיר קלערן ניט: עס ווארט אויף אונז דער באָס.

עס ווילט זיך איצטער פון קיינזאַך ניט קלערן,
נאָר גיין און גיין — פון עול פון יעדן פריי;
עס ווילט זיך איצטער פון קיין ציל ניט הערן:
דער ציל וועט קומען, קומען סיי ווי סיי.

יב

אַ צווייטער דאָרף, א שטילער, אין די בערג, —
פון גאָרער וועלט אין אים זיך צו באַהאַלטן;
און אויף זיין גרינער, ווייסער, שוואַרצער ערד
דערציען שוין די טעג, די נעכט די אַלטע.

מיר זיצן דאָ און וואַרטן אויף אַ באַס,
א זון א הייסע העלט אראָפּ פון הימל;
די געסעלעך — באַביימערט און באַגראָזט, —
זיי הילן זיך אין א נאָכמיטאָק-דרימל.

מע זעט קיין מענטש, די הייזער — צוגעמאַכט,
נאָר הענער קרייען דאָ און דאָרט — אָן חשק;
א יאָדלע וויגט אין לייכטן ווינט איר סכך,
א הינטל בלאָנקעט אין דער זון דער הייסער.

און אָט, ניט ווייט, אַן אָזערע זיך שפּרייט,
איר קילער אָטעם טראָגט זיך ביזל דאַנען . . .
מיר זיצן פול מיט אומעטיקער פרייד:
דאָס אלץ ארום — מיר זענען שטאַרק מקנא — — —

א צווייטער דאָרף, א שטילער, אין די בערג, —
פון גאָרער וועלט אין אים זיך צו באַהאַלטן;
און אויף זיין גרינער, ווייסער, שוואַרצער ערד
דערציען שוין די טעג, די נעכט די אַלטע.

יג

א שטילער וועג, א זייטיקער, א שמאָלער,
קיין לאַסט-מאַשין, קיין קאַר, קיין באַס, קיין גייער;
פון ביידע זייטן — פעלדער, בערג און טאָלן,
און מיר אויף אים, נאָר מיר אַדאָ, — אינצווייען.

ס׳איז גוט אזוי דאָ מייל נאָך מייל צו שפּאַנען,
באקוקן אלץ מיט א געמיט א העלן:
די קווייטן — פאַרביק — אויף די גרינע לאַנען,
דעם בלויעם הימל — ביז די עקסטע שוועלן;

א באַרג אנקעגן — אזוי ווילד — אַן אימה,
א פאַרם-שטיבל, דאָרט, אין טאָל, — אַלטמאָדיש;
און אויף א שטעגל, אָנאָ, צווישן ביימער,
א וואָגן שלעפּט זיך — הויך מיט היי באַלאָדן.

ס׳איז גוט אַדאָ זיך צוזעצן א ווײַלע
און — קוקן, קוקן ביז די ווייטסטע ענדן;
זיך אָנלויכטן מיט אלע שטילע מיילן,
אין זונענשיין אין גאָלדענעם וואָס בלענדן.

זיך אָנזאַפּן מיט אלע דינע ריחות
פון גראָז און בלאָט, פון זאַנגען און פון הייען;
זיך אָנקוויקן מיט אלע גלעטן ווייכע
פון ווינטן לינדע, רונדאַרום וואָס ווייען — — —

נאָר אָט א רוישן נעמט זיך צו אונז טראָגן:
אַן עראָפּלאַן באַווייזט זיך אינעם הימל —
א הײַנטיקער, א פליענדיקער וואָגן,
וואָס וועקט אונז אויפעט פון אידיליע-דרימל.

יד

פאַרכאַפּט האָט אונז אַ פּליִיצנדיקער רעגן —
אין סאַמע מיט פון זוניק-העלן טאָג
(פון באַרגישע, פון קרומע הימלברעגן
עס האָבן כמאַרעס פלוצים אָנגעיאָגט).

איז לויפן מיר פון רעגן זיך באַהאַלטן,
מיט קאָפּ און קערפּער — שוין אַדורכגעווייקט;
אָט איז אַ מיל אַן איינגעפאַלן-אַלטע, —
מיט האַלב צעפוילטע קלעצער אָנגעלייגט.

מיר זיצן דאָ און קוקן שטיל אַרויסעט:
עס בליצט, עס דונערט און אַ ווינט עס בלאָזט;
מיט וואַסערגאַס פאַרשטראָמט איז גאָרער דרויסן:
אי הייך, אי טאָל, אי פעלד, אי בוים, אי גראָז.

אַ נייער בליץ, אַ דונער-קנאַל אַ פרישער,
די דיקע וואָלקנס טונקלען דראָענדיק:
אָט וועלן מיר אייך ביידע דאָ פאַרגיסן —
פאַרבלינדן אייך אויף אייביק שוין דעם בליק.

איך זיץ און קוק און — אַ מחשבה בויערט:
אַזוי געשעט אויך אין דיין לעבן אָפּט:
אָט איז מיט זונליכט אַלץ אין דיר באַהויערט,
און אָט — שוין פינצטער — — ווי עס איז דער סוף.

טו

באַנייעס קלאָר. אדורכגענעצט, מיר שפּאַנען
צו ווייטער סטאַנציע, ווו עס וואַרט דער באָס;
ווי פריש איז איצטער דער צעגרין פון לאנען,
ווי דין — דער דופט פון בוים און בלום און גראָז.

אינהייך נאָך יאָגט אַדאַ, אדאַרט אַ וואָלקן, —
נאָך ניט אויף דורך פון וואַסער אויסגעשעפּט;
נאָר זון, זי גיסט שוין אירע הייסע גאָלדן
און — טריקנט אונז די לייבער מיט די קעפּ.

אַ האָן צעקרייט זיך — אַזוי העל און לויטער,
ארום די שטילקייט ווערט נאָך מער באַטאָנט . . .
איך קוק צום הימל, דאָרט און דאָ צעבלויטן
און מיין געמיט — מיט פרייד ער פילט זיך אָן:

ווי שיין — די וועלט — אין יעטווידער דערשיינונג:
אין גרוי און בלוי, אין שטורעם און אין רו — — —
און זון איז מסכים — גינגאָלדיק צעשייניקט,
און מסכים איז די גאָרע ערד ארום — — — —

טז

אַזוי-אָ פֿאָרן, פֿאָרן אַלץ, אָן ענד,
ווי אין א פּילם זאָלן פּעלדער איילן, —
אין זוניקן, אין גאָלדענעם געבלענד,
אין גרין געהילט אויף אַלע שטילע מיילן.

ווי אין אַ פּילם — וואַלד און בארג און לאָן,
ווי אין א פּילם — זאַנגען, גראָזן, בוימער,
און וואַסערפּלאַכן — זילבערדיק צעבלאַנקט,
און רחבותדיקע, לויטער-בלויע רוימען — —

אַזוי-אָ פֿאָרן, פֿאָרן אַלץ, אָן ענד,
און אַלץ ארום דיר — גלעטן מיט די בליקן:
א יעדן בוים אין בלעטערדיקן העמד,
א יעדן קווייט אין פֿאַרביקן צעוויקל;

א יעדע קו אין פּעלד אווו — פֿארטראַכט,
א יעדן שטיין ביים וועג אווו — אין שווייגן;
א שטיבעלע, פֿארחלומט, ביי א שליאַך,
א פֿויגעלע צעטרילערט, אויף א צווייגל.

אַזוי-אָ פֿאָרן, פֿאָרן אַלץ, אָן ענד,
ווי אין א פּילם זאָל די וועלט זיך טראָגן,
און דו — מיט איר — אין זוניקן געברענט,
און טאָג — מיט אייך — פֿאָרויס, פֿאָרויס אַלץ יאָגן.

עס זאָל די זון שוין קיינמאָל ניט פֿארגיין,
עס זאָל דער טאָג שוין אָן א סוף זיך ציען, —
מיט הייך און טאָל און וואַלד און לאָן און פֿליין, —
א שטענדיקע, פֿאנטאַסטישע נסיעה — — —

יז

אזא פארנאַכט! א הימל אזא בלויער!
און גאָלד פון זון! און גרין פון בוים און גראָז!
פּארוואָס-זשע נאָגט דיך אזא טיפער טרויער —
אַדאַ, ביים שויב פון יאָגנדיקן באָס?

דו זיצט אַדאַ, דו קוקסט און טוסט זיך קוויקן
מיט אַלץ ארום — אין שווינדלדיקן יאָג;
נאָר ניט קאנאדע זעסטו פאר די בליקן —
דיין היימלאנד ליטע פאר דיין אויג זיך טראָגט.

דו פלעגסט אויך דאָרט ארומפאָרן — דורך יאָרן,
געמאָסטן אַלץ — אי וואלד, אי טאָל, אי לאָן;
אין שליחותן העברעאישע געפאָרן —
מיט באָס און פור, מיט שליטן און מיט באַן.

און ליב געווען זענען דיר די וועגן,
א יעדער בוים, א יעדער שטיין ביים שליאַך;
אין ווינטערשניי, אין זומערדיקן רעגן,
מיט וואָלקנס — גרוי, מיט הימלען — בלוי — באַדאַכט.

האָסט ליב געהאט די דערפעלעך די קליינע,
א יאָדלע וון, א ווערבע ביי א טייך;
די זאַמדיק-פלאַכע, אומעטיקע פליינען,
דאָס גאָרע לאַנד — מיט אומעט אזוי רייך.

האָסט ליב געהאַט דעם ליטע-ייד דעם שטילן,
דעם ערלעכן, — פון שטעטל און פון שטאָט;
די פרומע נאַך, פון תורה און פון תפילה,
און די, וואָס וויסן איז שוין זייער גאָט.

און האָסט זיי דאָרטן אומעטום געטראָפן —
אין שבת-רו, אין וואָכעדיקן עול:
א שבט ליטע — פול מיט גלויבן, האָפן,
א גאַנצער שבט פון דיין אַלטן פאָלק.

און האָסט געמיינט: ס'עט ליטע זיין אויף שטענדיק,
און אויך דיין היים וועט שטענדיק דאָרטן זיין — —
האָט אלעמען, אי גרויס, אי קליין, פארלענדעט
א גרויזאמער, א מאָנסטערישער פיינט — —

איצט האָבן זיי זיך פאר דיין אויג באוויזן,
א גאַנצע וועלט, — אין תהום ארייגעיאָגט — —
— — — — — — — — — — — —
און אזא פיין דיין גוף דיין גאָרן גריזשעט,
און אזא טרויער דיין נשמה נאָגט — — —

יח

צוריק אין וועג, עס ציט זיך אַלץ דער טאָג,
נאָר בוים און הויז — אין שאָטן איינגעהילט שוין;
דער באָס דורך ברייטן שאָטנדיקע יאָגט,
און אין די שויבן שקיעה-זון עס שפּילט שוין;

באַהעלט, באַראָזיקט יעדן זיץ און וואַנט,
אין די געזיכטער, אין די אויגן בלענדיקט;
און זעגנט זיך, און פּאָכעט מיט א האַנט:
— אדיע! אדיע! — די רייזע באַלד געענדיקט!

— אדיע! אדיע! — עס איילן פעלדער, בערג,
— אדיע! אדיע! — עס איילן לאנען, טאָלן;
איך זיץ און קוק, און דעם אדיע איך הער,
איך זיץ און קוק, און קלער דערביי: א חלום,

א גיכער טרוים . . . די גאַרע וונדערוואָר . . .
דער גאַרער זיין . . . פון העט אַמאָל . . . פון שטענדיק . . .
איך זיץ און קוק, און שעפּטשע וואָרט-אין-וואָרט:
— אדיע! אדיע! די רייזע — באלד געענדיקט — — — —

אײדער עס װערט נאַכט

פאַרלעש נאָך ניט

עס נעענטערט זיך דער אָוונט שוין, די נאַכט,
עס טונקלט שוין מיט שאָטנס מיט געדיכטע;
כל־זמן איך ווער נאָך פון דיין אויג באַוואַכט,
פאַרלעש נאָך ניט מיין לעצטע ליכט — מיין דיכטונג.

וואָס מער איז מיר געבליבן אויף דער וועלט
אין אָ־די טעג די סופיקע, די טריבע?
מיין זון, זי שטייט שוין אויפן מערב־שוועל
און — גייט שוין באלד אויף יענער זייט אריבער.

מיין פרילינג־בלוי, מיין זומער־גרין, — אוועק,
און, האַרבסטיק־העל, דערצויגן האָט מיין וועג
צום ווינטער־ברעג צום שניי־ווייסן, צום שטילן.

כל־זמן איך שפּאַן נאָך אויף דיין ערד אַרום
און איבער מיר דיין הימל שפּרייט זיך פרום —
פאַרלעש נאָך ניט מיין לעצטע פרייד — מיין תפילה.

סיגנאַלן

מיט יעדן טאָג זיך מערן די סיגנאַלן,
וואָס זאָגן אָן: עס נענטערט זיך דיין ענד:
פון יעדער זייט זיי טוען דיך באַפאַלן
און — שמידן דיר די פיס דיינע, די הענט.
מיט יעדער נאַכט זיך מערן די סימנים,
וואָס וואָרענען: דער סוף דיינער, ער קומט;
דיין יעדן אבר טוען זיי פארשטראָמען
און — פאלן וועסטו — — טויב און בלינד און שטום.
צי פון א שלאָג א בלוטיקן אין מוח,
צי פון א ניר, מיט פיינען אָנגעבליט,
צי פונעם האַרץ, וואָס האָט ניט מער קיין כוח
צו מעסטן אַלץ די יאָגנדיקע צייט — —
זיי מערן זיך, די גרוילִיקע סיגנאַלן,
און אָן שום איינזע וועסטו פון זיי פאַלן.

גאָט־געליבט

כי את אשר יאהב ה׳ יוכיח.
משלי.

דו האָסט, אַפנים, שטאַרק מיך ליב, מיין גאָט, —
דעריבער טוסטו האַרב אזוי מיך שטראָפן;
פילסט אָן מיט שטרויכל יעדן טאָג מיין טראָט,
גיסט אָן מיט אַנגסטן יעדע נאכט מיין שלאָפן.
ווי איינגעבעטן, גיי איך דורך דיין וועלט,
מיין ביסן ברויט, מיט פיין ער קומט מיר אָנעט;
און אויף מיין שטילן עלנטן געצעלט
עס לוגן בייזע, וואלדיש ווילדע שונאים.
שיקסט אָן אויף מיר אן אומגליק נאָך א בראָך,
פארוויקלסט מיך, ווי איובן, אין ווייען;
נאָר ס׳איז דיר ווייניק — לאָזסטו נאָך און נאָך
ארויס אויף מיר געפלאָגן אלערלייע — —
צי איז ביי דיר מיט גרויסער ליבע רעכט
צו אָפּווישן איינגאַנצן מיך — דיין קנעכט?

קען גוטס אַרויסעט

קען גוטס ארויסעט פון א טאַטן — כולו הימל,
א לערנער-דאַווענער-תהילים-זאָגער טאָג און נאַכט?
בין איך ארוים אויף אַ-דער ערד א צארטער בלימל,
בין איך ארוים אויף אַ-דער וועלט א גרעזל — שוואַך.

איז ביטער מיר צעווישן מענטשן כמורע, בייזע, —
אין שטרייט פאַר ברויט, אין קריג פאַר אָפּדאַך און פאַר העמד;
און כ׳זע פאַר זיך ניט קיין ישועה, קיין דערלייזונג,
כאָטש לייג אויף זיך די אייגענע, שוין מידע הענט.

און טענות האָבן צו מיין טאַטן — האַרבע טענות:
הלמאי ער האָט מיך אין ישיבות רק געשיקט
(ווו כ׳האָב מיט „טעג" מיט הונגעריקע זיך געפּייניקט,
ווו האַרט געלעגער האָט מיין קערפּער שווער געדריקט);

הלמאי ער האָט מיך צו א שמיד ניט אָפּגעגעבן,
צי צו א סטאָליער, צו א בלעכער אויף דער לער?
עס וואָלט דאָך איצטער לייכטער מיר געווען דאָס לעבן,
איך וואָלט דאָך איצטער זיכערער געשפּאַנט אויף ערד —

איז קען איך ניט קיין טענות האָבן צו מיין טאַטן:
ניטאָ אים מערער, אָפּגעהימלט און — אַוועק;
איז קומט מיר אויסעט ווייטער גיין אין פּיין, אין מאַטער
מיין גריבעררדיקן, דאַרנדיקן דאַזיין-וועג.

איז קומט מיר אויסעט ווייטער אויף די מערק זיך שלייכן —
מיט אזא „שטאָף", מיט אזא „סחורה", ווי א ליד:
זיך שפּל מאַכן פאַרן טענדלער פאַרן רייכן,
און יעדן אָוונט — קומען לוידיק פון יאַריד.

און שטופּן זיי, די טעג, די נעכט, מיט ווייי אין האַרצן,
אין זאָרג, אין שרעק, פאַרזען פון גאָט, פאַרקוקט פון לייט — — —
ביז ווייזן זיך עס וועט לסוף דער האָר דער שוואַרצער
און אָן א וואָרט אַ זאָג-טאָן מיר: עס איז שוין צייט.

די וועלט איז שיין

די וועלט איז שיין און רייציק — ווי געווען,
מיט הימלבלוי, מיט זון אין העלן ברען,
מיט פעלד און וואַלד, אין גרינקייט איינגעהילט — — —
און בלויז אין דיר עס טונקלט און עס קילט.

די וועלט איז יונג און בליאיק — ווי אַמאָל,
מיט זאַפט און דופט אויף יעדן באַרג און טאָל,
מיט ווינטן — פריש, מיט וואַסערן — צעקוועלט — — —
און בלויז אין דיר עס אַסיענט און עס געלט.

די וועלט, זי וואַקסט — אין יעדן לאַנד און קאַנט,
און בויט און שאַפט — אויף יעדן אָרט און שפּאַן,
און טרוימט און האָפט — אַדאַ און אומעטום — — —
און דו נאָר גייסט שוין, ווי א מת ארום.

פיר לידער פאַר ר. ג.

א

פריינדין מיינע, איינציקע אין לעבן,
ליבסטע, נאָנטסטע אויף דער גאַרער ערד,
ס׳טוט שוין אָסיען ביידן אונז פארוועבן
אין זיין אומעט — אזוי טריב און שווער.

ס׳גרויען שוין די קעפּ פונלאנג ביי ביידן
(אין די אויגן — תישרידיקער געל):
און דער עלנט, אין זיין סומנער קליידונג, —
שוין כסדר היט ער אונזער שוועל.

אזא עלנט, אזא טרייער היטער,
הוילער, שטילער ווערט אלץ ארום אונז:
אלע ליבע — שוין פונלאַנג פארשניטן,
אלע גוטע — לאַנג פארשאַרט אין גרונט.

בלויז מיר ביידע זענען נאָך געבליבן —
קראַנק און אָרעם, אָן א קינד, אַ רינד — — —
ציען טעג זיך וואָלקנדיקע, טריבע,
ציען נעכט זיך חושכדיקע, בלינד — —

טוליען מיר זיך איינס צום צווייטן מערער,
ציטערן ניט אָנצווווערן זיך:
און אין אימה ניט איין מאָל מיר קלערן:
ס׳קען די ענד באווייזן זיך גאָר גיך.

כאָווען מיר א לעצטן חלום ביידע:
ווען די ענד אַ קלאַפּ טאָן וועט אין טיר,
זאָלן מיר אויך דאַן זיך ניט צעשיידן,
נאָר צוזאַמען לאָזן זיך נאָך איר.

ב

ווי א קינד אַהינטער פֿאַרטעך פֿון זיין מאַמען,
טו איך אָפט באַהאַלטן זיך אַהינטער דיר
פֿון דער גאַס — אין שטיין און אייזן איינגעקלאַמערט,
פֿון די מענטשן פֿון די האַרטע ארום מיר.

שווער אַזוי מיין קאַרגער ביסן קומט מיר אָנעט,
האַרב אַזוי עס קומט מיר אָן מיין אָרעם קלייד;
און די גלייכגילט ווייזט מיר אַלץ איר טעמפּן פּנים,
און דער עלנט שטרענג און סומנע מיך באַגלייט.

אויסער דיך, מיין האַרציקע, איך האָב ניט קיינעם,
וואָס זאָל זאָגן: ביסט מיר נאָנט, איך ווינטש דיר גליק;
יאָרנלאַנג איך וווין אַדאָ צעווישן שכנים,
נאָר ווי קאַלט איז זייער שמייכל, זייער בליק.

כ׳האָב דאָ קיינעם ניט געטשעפּעט, ניט באַגזלט,
ניט פֿאַרנומען יענעמס קישן, יענעמס העמד, —
קומט דערפֿאַר מיר אַזאַ וויסטע עולם הזה?
קומט דערפֿאַר מיר אַזאַ קרירה, אַזאַ פֿרעמד?

כ׳זע זיך אָפּטמאָל פֿאַר א תהום דאָ פֿאַר א בלינדן,
מיט מיין וואָרט מיין יידישן — פֿאַרהערט, פֿאַרזען;
מיט די ביכער מיינע אַלע — מיינע קינדער —
ווייט פֿאַרשטעקטע צווישן טויבע קעלער-ווענט — — —

איז נאָך גוט, וואָס דו ביסט דאָ מיט מיר, מיין ליבע,
אָן דיין שוץ איך וואָלט, מסתּם, געווען שוין ערד;
און מיט דיר איך צי זיי נאָך, די טעג די טריבע,
און מיט דיר, אין שטופּ זיי נאָך, די יאָרן-שווער.

ג

איך קען דיר ניט העלפן, איך קען זיך ניט העלפן,
איך קען נאָר פאר ביידן אַן אויסוועג זיך קלעמען;
ביז ענדע, אפנים, ביז פינצטערניש — וועלפיש, —
זי וועט אונז פארצוקן, ווי שוצלאָזע לעמער.

אזוי איז, ווייזט אויסעט, אונז ביידן „פארשריבן", —
מיר זאָלן אויף ערד דאָ כסדר זיך פלאָגן;
אין נויטן, אין קראַנקייט, אין עלנט אין טריבן;
ניט האָבן אפילו פאר וועמען זיך קלאָגן.

אזוי איז אויף ערד דאָ „באַשערט" אונז, מסתמא, —
אין ליידן צו לעבן, אין פיינען צו שטאַרבן — —
און ס'גיט ניט קיין טרייסט אונז די קנאַפּע נחמה,
וואָס נאָך פיל עס ליידן, אין בראָכן — נאָך האַרבער — — —

ד

דו און מיין וואָרט — מיינע פעסטונגען צוויי,
אַן אייך צערין איך — אין פרילינג א שניי,
אַן אייך פארדארב איך — א גרעזל אין האַרבסט;
דו און מיין זמר, צעזשומטע אין מיין האַרץ.

דו און מיין תפילה אין וועלפישער וועלט,
אַן אייך פארקילן מיין לייב און מיין זעל,
אַן אייך פארטונקלט מיין זוניקסטער טאָג;
דו און מיין ניגון — מיין גאָרער פארמאָג.

דו און מיין חלום פון שיין און פון גוט,
אַן אייך איז אלעס פול בלאָטע און בלוט,
אַן אייער שיצונג פארצאַנק איך אין פיין,
אַן אייער טרייסטונג — איך וויל מער ניט זיין.

דיין עולם הזה

דיין עולם הזה — דאָקטער און שפּיטאָל,
באַנדאַזש און יאָד, לאַנצעט און כלאָראָפאָרם
(פונדרויסן טראָגט זיך פון א קראָ אַ קול —
דערציילט פון בלינדע ווערעמדיקע קברים).
און אינדערהיים — ווי דו, א קראַנקע פרוי,
איר בליק, ווי דיינער, אָנגעבליט מיט זאָרגן;
איר קאָפּ, ווי דיינער, פול איז שוין מיט גרוי,
און ביידע קלערט איר: ערגער נאָך — דער מאָרגן.
דער ביסן ברויט מיט ביטערניש קומט אָנעט,
און צו דעם רומל — שיפּעניש פון שונאים,
און פריינט — ניטאָ, אין עלנט ביסט פאַרשמידט — — —
איין טרייסטונג כאָטש: א זומער-פעלד אַ העלער,
א בוים א גרינער, פייגלשע געטרעלן,
און אין פרימאָרגנס — אויפבלי פון א ליד.

צו מיין בעט

צו דיר, מיין בעט, מיין היינטיקער סאָנעט,
דו ביסט מיר אָפט פון יעדער נויט א רעטונג;
מיט צערטלעכן, מיט מוטערלעכן גלעט
מיין יעדן ווייטיק טוסטו אָפּט פאַרגלעטן.
איך אייל צו דיר פון קריג מיט גאַס און מענטש,
איך לויף צו דיר פון גרויער וואָר, פון האַרטער, —
געפינען רו אויף דיינע ווייסע הענט,
אנשלאָפן ווערן אויף דיין ווייכן האַרצן.
דו ביסט מיין פריינט מיין נאָנטסטער אויף דער וועלט,
פאַר דיר צעהיל איך אַל מיין לייב און זעל,
פאַר דיר אַנטפּלעק איך אלע מיינע סודות — —
טאָ בלייב מיר, בעט, ווי ביז אצינד געטריי,
און ווען עס קומט די שעה די לעצטע — זייי
פון אָטעם מיינעם סופיקן דער עדות.

אַ וועלט אַ גאַנצע

עס קען אַמאָל דאָך אָנקומען אַ שעה,
ווען ערד, זי זאָל אויף שטויבן זיך צעקראַכן:
נאָר דאָרט, אין קאַלטן, פינצטערן אין-סוף,
מע וועט פון דעם אַ קנאַפּן וועזן מאַכן:

אַזאַ מין גרויסע, ברויזנדיקע ערד,
באַלעבט, באַהאַוועט מיט אַזויפיל וועזנס:
נאָר אין וועלטאַל — אַ זעמדל, קוים געמערקט,
געווען אַן ערדקויל און — ווי ניט געוועזן.

און איך — אַ שטויבל אויף דער גרויסער ערד,
פון איר אַרויסעט און צו איר געגאַנגען
(מיט בינטל יאָרן קליינינקן באַשווערט,
מיט פיין אַזויפיל רונדאַרום באַהאַנגען), —

ווען קומען וועט פון אָפּגיי די מינוט,
פאַרנעמען מיך אַהינטער מערב-שוועלן,
אין לאַנד פון „רו”, וווּ אַלעם איז שוין „גוט”, —
אַ וועלט אַ גאַנצע וועט דאָך דעמאָלט פעלן — — — —

הושענאָ

הושענאָ — העלף מיר, גאָט,
די טעג מיינע די שווערע דורכצוטראָגן;
מאַך שטאַרקער מיר מיין שלאַבעריקן טראָט,
מאַך גרינגער מיר אין גוף מיינעם די פּלאָגן.

הושענאָ — העלף מיר, האַר,
די נעכט מיינע די קראַנקע דורכצוליגן;
מאַך ווייכער מיר די בעט, וואָס איז מיר האַרט,
און זאָל א שלאָף א פעסטער מיך פארוויגן.

הושענא — כוח גיב
מיט אלע מיינע נויטן דורכצוקומען;
און אין מיין עלנט — אזוי גרוי און טריב —
א ליד א העלע זאָל אין זעל נאָך זשומען.

הושענאָ — ניט נאָר מיר:
א סך, ווי איך, עס קלעמען זיך אין פּיינען,
אין נויטן — האַרב, און זאָרגן אָן א שיעור
און — וואַרטן, בורא, אויף דער הילף אויף דיינער.

שטילקייט וואַרט אויף דיר

שטילקייט וואַרט אויף דיר,
גרעזל — בויגיק, דין,
בלאַט אין ווינט-געריר,
בלום — באַזשומט פון בין.

ערד א בערגל וואַרט
אויף דיין שמאָל געביין;
גרוי און שטום און האַרט
וואַרט אויף דיר א שטיין.

ליגן וועסט פארשטילט,
פונעם שטיין באוואַכט;
ערד אַרום דיר — קיל, —
אָנגעטאָן אין נאַכט.

אויבן וועט די צייט
גיין איר אַלטן גאַנג —
מיט סעזאָנען-בייט,
שניי און זומער-זאַנג.

אויבן וועלן טעג
רוישן אין געיאָג,
פול מיט וויי און שרעק,
זאַט מיט נויט און זאָרג.

אונטן אָבער — „פיין”:
ליגסט פארהילט אין שלאָף;
ווייסט ניט מער פון פיין,
צו דיין שרעק — א סוף.

אונטן אָבער — „גוט”:
ליגסט אין רו פארוויגט;
ס׳מאָנט ניט מער דיין בלוט,
ס׳גאַרט ניט מער דיין בליק — — — —

— — — — — — — — — —

שטילקייט וואַרט אויף דיר.

װוּ אַנטלױפֿן?

ואנה מפניך אברח.
תהילים.

ניט אַנטלױפֿן, ניט אַדאַ צו זײַן,
ס׳הױבט אינלופֿטן עקבערדיקע פּײַן;
זעגט מײַן קערפּער, צאַפּט פֿון מיר דאָס בלוט,
סמ׳ט מיר אָפּעט יעטװידע מינוט.

װײַטיק מײַנער, װוּ פֿון דיר אַװעק?
טוסט מיך גרײכן אינעם װײַטסטן העק;
הױך אין הימל, טיף אין תהום פֿון ערד,—
אױך אַדאָרטן װאַרט אױף מיר דײַן שװערד.

דו גאַרסט נאָך רו

דו גאַרסט נאָך רו — דו װעסט זי ניט געפֿינען
ביז לעצטער שעה, ביז סאַמע לעצטער רגע;
אין אומרו װעלן דײַנע נעכט פֿאַררינען,
אין אומרו װעלן דײַנע טעג אַװעקגײן.

מיט גאַרן גוף אין ציטערדיקע ריסן,
מיט גאַרער זעל אין צאַפּלדיקע שניטן, —
אַזױ װעט דיך די בלינדע גרוב פֿאַרשליסן,
אַזױ װעט דיך די שטומע ערד פֿאַרשיטן.

נאָכװאָס ?

איז נאָך אַ יאָר, איז נאָך צװײ יאָר, צי מער,
נאָר קומען מוז ער, — אָפּזעגן דײַן זײַן;
איז, אפשר, שױן? אַ האַסטיקער צעשטער
און — פּטור װערסטו פֿון דער גאָרער פּײַן.

עס מוז דאָך אױך צו מאַטער זײַן אַ מאָס,
עס מוז דאָך אױך צו פּלאָגן זײַן אַ ברעג;
נאָכװאָס אַזױ זיך קלאַמערן? נאָכװאָס
פֿאַרלענגערן דײַן בלוט-פֿאַרטריפֿטן װעג?

ווו טרייבסטו זיי?

— ווו טרייבסטו זיי, די טעג דיינע די אַלטע,
די טונקעלע, אין עלנט אָנגעקליידט?
— אַהין אַלץ נענטער, צו דער גרוב דער קאַלטער,
וואָס וואַרט שוין ווו, דיך אויפצונעמען גרייט.

— ווו שטופּסטו זיי, די נעכט, אין ווײ געבונדן,
אָן שלאָף, אָן רו, אין שרעקן איינגעהילט?
— אַהין אַלץ נענטער, צו די בלינדע גרונטן,
ווו אַלע ליבסטע ליגן שוין פאַרשטילט.

חלומות־קאָשמאַרן

חלומות-קאָשמאַרן. אַ גאַנצענע נאַכט.
איך זאָג דיר: ס׳איז ממש ניט איבערצוטראָגן.
מע יאָגט מיך, מע פּאַקט מיך, און ווען איך דערוואַך, —
אין אַנגסטן, אין שווייסן איך ליג אויסגעצוואָגן.

נאָר ווידער פאַרזינק איך אין פיבערשן שלאָף,
און ס׳הייבט זיך באַניים אָן די שדים-הילולאָ.
איך זאָג דיר: עס וועט אָפּט מיר ניחאָ דער סוף,
דער אחרית הימים, די „שיינע״ גאולה.

זיך דורכגעריסן

אַט אזוי זיך דורכגעריסן.
מ. ל. האַלפּערן.

זיך דורכגעריסן, דורכגעביסן ווי עס איז
און — צו דער ענדע פון דיין אַסיען שוין געקומען;
אַ בערגל בלעטער העלע, געלע ביי די פיס, —
אַ לעצטע שורה פון דיין האַוועך, פון דיין זשומען.

אַ בערגל בלעטער און אַ שקיעה אין געפילים
אין רויטן, ראָזן, — דאָרט, אין מערב, אויפגעהאַנגען — —
זיך דורכגעריסן, דורכגעביסן ווי עס איז
און — צו דיין חלום צו דיין לעצטן שוין דערגאַנגען.

ספּאַנטאַן

אָ, זאָג מיר עפּעס ליבס.
די טעג — ווי גרוי, ווי טריב,
די נעכט — ווי שוואַרץ, ווי פינצטער;

דערפריי מיך מיט א וואָרט,
מאַך גרינגער מיר מיין וואָר, —
אָן האָפענונג אָן מינדסטער.

וואָס ביסטו אזוי קאַלט,
ווי הונדערט יאָר שוין אַלט?
וואָס זיצסטו אזוי שווייגיק?

נו, נעם און טוליע צו,
און גיב א רגע רו, —
פאר נויט און קרענק און דאגות — — — —

ווי אַ הירש

א לעבנלאַנג איך פּלאָנטע זיך אין ליידן —
א הירש אין ווילדן וואַלדישן געצווייג;
איך ווער זיך אלץ, נאָר קען זיי ניט פאַרמיידן,
איך ריים זיך אלץ, נאָר בלייב אין זייער שטייג.

פאַר וועלכע זינד? ווו זענען מיינע שולדן,
וואָס אָפּקומען איך מוז אזוי פאַר זיי?
אָ, מוטער מיינע! דו, מסתם, ביסט „שולדיק״:
געבאָרן מיך אויף מאַטערניש, אויף ווי.

איז כאָטשבי גוט, וואָס לאַנג וועט שוין ניט ציען,
מיין שווערער לעבן נייגט שוין צו זיין שקיעה,
איך וועל פון פּלאָנטער סוף-כל-סוף ארוים;

אָט הער איך שוין דעם יעגער צווישןביימער,
ער גנבעט זיך אלץ נענטער, א געהיימער,
און מיט איין שאָס — די ליידן זענען אוים.

ער וועט שוין קומען

א יעדן טאָג, אין ווי פארזונקען,
אויף א דערלייזונג האָב געוואָרט;
נאָר טאָג — מיט נאַכט שוין אָנגעטרונקען, —
ער האָט מיין וואַרטן אָפּגענאַרט.

א יעדע נאַכט געהאָפט אויף מאָרגן:
ער קומט און לייזט פון נויט מיך אוים;
נאָר מאָרגן, זאָט מיט זעלבע זאָרגן, —
ער האָט מיין האָפן שווער אַנטוישט.

אזוי די טעג, די נעכט פארשוווּנדן,
אזוי די יאָרן, פול מיט ווונדן,
אין וואַרטן, האָפן, — אַלץ אומזיסט — — —

נאָר איצט איך וועל שוין לאַנג ניט וואַרטן,
דער גואל מיינער דער געגאַרטער,
ער וועט שוין קומען — אויף געווים — — — —

אַ געשריי

אויף נויט און עלנט האָט מען דיך, אַ קינד,
ארויסגעלאָזט אין פרעמדער וועלט אין האַרטער;
און טענות האָבן — איז שוין שפּעט אצינד:
זיי ליגן שוין אין בלינדן תהום באַהאַלטן.

ניטאָ זיי מערער — קיינעם, קיינעם ניט,
בלויז דו — אַ לעצטער, איינגעשפּאַנט אין פּיינען;
דו שלעפּסט זיי אַלץ — מיט אַלטע, מידע טריט,
און טיף אין זיך פאַרבאָרגסטו אַלע טענות.

און סיידווי וואָלסטו העלפן ניט געקענט,
ווען וואָלסט אויף זיי, די טייערסטע, געברענט,
ווען וואָלסט אויף זיי, די איינציקסטע, געצאָרנט;

נאָר אין דיין שווערן אויסוועגלאָזן ווי
עס רייסט זיך אָפּטמאָל פון דיר אַ געשריי:
אָ, מאַמע מיין! נאָכוואָס האָסט מיך געבאָרן?

אין אַלע טאָלן

אין אַלע טאָלן שרפ׳עט אָסיען,
אויף בערג אויף אַלע העליש ברענט;
און אויך דיין גוף, מיט וועלק פאַרגאָסן,
אין האַרבן פייער ווערט פאַרלענדט.

אין אַלע וועלדער ביימער גליען —
מיט קעפּ אין גאָלד, אין ראָז, אין רויט;
און אויך דיין קאָפּ, אין העלער שקיעה,
צו לעצטער רגע פרום זיך גרייט.

אויף אַלע פעלדער גראָזן דאַרבן
און — זעען זיך שוין אונטער שניי;
און אויך דיין זעל, באַרירט פון שטאַרבן,
זשומט אוים אַ תפילה פון פאַרגיי.

ראַנדעוווּען אין שפּיטאָל

א יעדן טאָג דער טויט, ער מאַכט
מיט מיר אָן אַנדער ראַנדעוווּ:
— איך וועל היינט קומען אָנהייב נאַכט
און — גיין מיר וועלן — ווייסט שוין ווו.

און אָט איז נאַכט. איך ליג אין פּיין.
דער טויט ער ווייזט זיך אין מיין טיר.
— אָ, גוטער פריינט! לאָז אָפּ מיך היינט!
מיר ווילט זיך נאָך ניט גיין מיט דיר.

איך וויל נאָך לעבן, ליבער טויט.
איך וויל נאָך ליגן דאָ אין בעט
און זען דעם הימל — טיף צעבלויט,
מיט גאָלד פון שטערן אויסגעבעט.

איך וויל נאָך זען א נייעם פרי —
אין זון צעהעלט, אין וואָלקנס — גרוי:
מיט פלאַטערדיקן פייגלפלי,
מיט בלאַט אויף בוים, מיט גראָז אין טוי.

איך וויל נאָך זען א נייעם טאָג,
איך וויל נאָך זען א סך נאָך טעג, —
מיט גאַס-גערויש, מיט מענטש-געיאָג,
אין האַוועניש פון עק ביז עק.

איך וויל נאָך זען מיין פרוי'ס געזיכט,
און פנימער פון פרויען פיל
(געהילט אין אזא כישוף-ליכט,
מיט אויג און ליפּ — אזוי צעשפּילט).

איך וויל נאָך זען די גרויסע וועלט,
א יעדן לאַנד, א יעדע ערד:
אין צפון-זייט — אין ווייסער קעלט,
אין דרום-זייט — מיט גרין באַשווערט.

איך וויל נאָך זען מיין א י י ג ן לאַנד —
דעם גרויסן נס פון אונזער דור:
די וואנדערוואָר — פון ראַנד ביז ראַנד,
די ערטער אלע שיינע דאָרט.

איך וויל נאָך זען, איך וויל נאָך זיין,
אפילו קראַנק, אין פיין ביז ביין,
איז בעט איך דיך: לאָז אָפּ מיך היינט,
איז בעט איך דיך: גיי היינט אליין — —

דער טויט הערט אוים מיך און — ער לאַכט:
— דו ווילסט און ווילסט, גאָר אָן אַן ענד.
זאָל זיין אזוי, א גוטע נאַכט,
מיר וועלן מאָרגן זיך שוין זען.

צום טויט

ניט לער איז נאָך פון פיין די כוסה —
דעריבער, אפשר, זאַמסטו זיך?
כל-זמן עס ווערט ניט כולו חושך —
ניט ווייזן קען זיך דיין געזיכט?

נאָר נעכט פאַראַן, ווען כ׳קען שוין מער ניט,
פון פינצטערניש איך ווער דערשטיקט;
און כ׳בעט דיך דעמאָלט: אָ, באַשער מיר
פון מער ניט זיין דעם גרויסן גליק!

אָט איז א נאַכט אזא מין היינט.
עס גריזשעט מיך ביז ביין די פיין.
און אזא חושך קלעמט ארום מיך.

וואָס דאַרפסטו נאָך? וואָס וואַרטסטו נאָך?
איז אלץ דיר קאַרג מיין ווײ, מיין בראָך?
אָ, זאָס ניט מער און — טו שוין קומען!

אַן אַלטבאַקאַנטער וועג

אַן אַלטבאַקאַנטער וועג,
באַהיט פון הייכעביימער:
ער פירט אונז טיף אוועק
אין אורוואַלד אין געהיימען.

אין שקיעהדיקן גאָלד
עס הילן זיך די קרוינען;
פון זוניקן אַמאָל
צעהעלן זיך זכרונות.

דאָ האָב איך דיך דערזען
צום ערשטן מאָל — אין בליאונג;
ווי איצט האָט דאַן געבלענדט
א גינגאָלדענע שקיעה.

אָט איז דאָס טייכל — קלאָר,
דערביי — דאָס זעלבע בריקל;
דאָ האָט א בלויע וואָר
פאר מיר דאַן זיך צעוויקלט.

אָט איז דער זעלבער קוסט,
באַצירט מיט גרין — ווי דעמאָלט;
דאָ האָסטו מיך געקושט
מיט אויגן — יונג צעפלעמלט.

אָט איז דאָס זעלבע הויז,
די זעלבע טרעפּ געבליבן;
דאָ איז זיך הערלעך, גרויס
צעוואַקסן אונזער ליבע.

דאָ זענען טעג אוועק
אין פייגלדיקער שירה;
געזען האָט אונז דער וועג
צוזאמען אָפט שפּאַצירן.

דאָ האָבן נעכט געבלומט
מיט שטערנדלעך מיט גוטע;
געהערט האָט וואַלד ארום
א זינגעריי פון בלוטן.

געשמעקט האָסטו מיט צווייט,
געדופטעט האָסט מיט בעזן;
די ליבע האָט געגליט
אויף מאָכן און אויף גרעזער.

געשיכורט האָסט מיט וויין,
געקוויקט האָסטו מיט האָניק;
די ליבע האָט געשיינט
אין זון און אין לבנה.

ווי לאַנג איז עס געווען?
שוין לאַנג, אזויפיל יאָרן.
געווען און — אָפּגעברענט — — —
צעווייט זיך — — ניט געוואָרן — — —

אַן אַלטבאַקאנטער וועג,
באַהיט פון הייכעביימער;
ער פירט אונז טיף אוועק
אין אורוואלד אין געהיימען.

מיר שפּאַנען גרוי און אַלט,
באַראַזיקט מיט זכרונות;
פון זון א לעצטער שטראַל,
ער לעשט זיך אויף די קרוינען.

איידער עס ווערט נאַכט

ערד און זון, לבנה-באַלעם,
פון די שטערן גאָר די פּראַכט, —
נעם זיך אָן מיט אַ-דעם אלעם
איידער עס ווערט נאַכט.

נעם זיך אָן מיט רוימען בלויע,
זאַפּ זיך אָן מיט גרינעם סכך,
טרינק זיך אָן מיט וואָלקנס גרויע
איידער עס ווערט נאַכט.

גראָזן דינע, מאַכן ווייכע,
ווינטן מילדע אויפן שליאַך;
נעם זיך אָן מיט בלומען-ריחות
איידער עס ווערט נאַכט.

נעם זיך אָן מיט הייך און נידער,
זאַפּ זיך אָן מיט פעלדער-פלאַך,
טרינק זיך אָן מיט פייגל-לידער
איידער עס ווערט נאַכט.

מענטש און חיה, פלאַנץ און דומם,
ים און מדבר פול מיט מאַכט, —
טו זיי וואָרן, טו זיי טרוימען
איידער עס ווערט נאַכט.

העלע קינדהייט, ראָזע יוגנט,
זיקנה-יאָרן — טונקל, שוואַך, —
טרינק זיך אָנעט פולע קרוגן
איידער עס ווערט נאַכט.

האַס און ליבע, רו און שטרעבן,
רויש און שווייגן, פריד און שלאַכט, —
נעם זיך אָן מיט גאָרן לעבן
איידער עס ווערט נאַכט.

פרילינג, אָסיען, ווינטער, זומער,
פרי און אָוונט, שלאָף און וואַך:
טרינק זיך אָן מיט פרייד און אומעט
איידער עס ווערט נאַכט.

זאַפּ זיך אָן מיט יעדער קליינקייט,
ווייל עס מיינט א סך,
מיט א טוי, פול גרויסער שיינקייט
איידער עס ווערט נאַכט.

טרינק זיך אָן מיט יעדער רגע
אונטער הימלם אין-סוף-דאַך —
איידער ס׳ווערן אלע וועגן
אין דיין אויג פארמאַכט — —

ערד און זון, לבנה-באלעם,
פון די שטערן גאָר די פּראַכט —
נעם זיך אָן מיט אָ-דעם אלעם
איידער עס ווערט נאַכט.

די לעצטע שורה

ניט ווייניק ווי די ערשטע שורה פֿאָדערט,
נאָר מערער פּיין די לעצטע שורה מאָנט;
זי קאָסט מיר שוין דאָס בלוט פֿון ניט איין אָדער
און צו איר ענדע קום איך אַלץ ניט אָן.

עס איז ניט גרינג מיין לעבן מיר געוועזן,
נאָר שווערער נאָך וועט זיין, ווייזט אויס, מיין סוף;
א לאַנגער דארבן, ווו א יעדער גרעזל
פֿאַמעלעך נויגט זיך צו זיין ווינטער־שלאָף.

אַ הארבסט א לאַנגער, פֿול מיט האַרבע פֿאַרבן,
א פֿילקאָלירטער, גרויזאַם־שיינער שטארבן,
א לעצטע שורה, רויט און ראָז צעברענט — —

איך שרייב זי אַלץ — אדורכגעווייקט אין ווייטיק,
און זי — זי ציט זיך — אזא אויסגעשפּרייטע,
און אויסלאָז אירן קען איך אַלץ ניט זען — — —

יעפים ישורין:

נ. י. גאָטליב־ביבליאָגראַפיע

ווערק פון נ. י. גאָטליב

„בלויע גנאָד" — לידער, פאַרלאַג „מיר אַליין", קאָוונע, 1927, 48 זייטן.

„גאַנג" — לידער און פּאָעמעס, ליטעראַטן־פאַרלאַג „מיר אַליין", קאָוונע, 1929, 96 זייטן.

„זעגלען אין זון" — לידער, מאָנטרעאָל, 1932, 200 זייטן.

„איבערבוי" — נאָוועלע, אַרויסגעגעבן פון נ. י. גאָטליב בוך־קאָמיטעט, מאָנטרעאָל, 1940, 176 זייטן.

„נייע לידער" — אַרויסגעגעבן פון נ. י. גאָטליב בוך־קאָמיטעט, מאָנטרעאָל, 1943, 148 זייטן.

„סאָוועטישע שרייבער" — עסייען, אַרויסגעגעבן פון נ. י. גאָטליב בוך־קאָמיטעט, מאָנטרעאָל, 1945, 160 זייטן.

„ליטע מיין היימלאַנד"—לידער און פּאָעמעס, אַרויסגעגעבן פון נ. י. גאָטליב בוך־קאָמיטעט, מאָנטרעאָל, 1945, 164 זייטן.

„חלוצים" — פּאָעמעס, אַרויסגעגעבן פון נ. י. גאָטליב בוך־קאָמיטעט און מיט דער מיטהילף פון קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס, מאָנטרעאָל, 1948, 300 זייטן.

„אַ מענטש אין די הימלען" — לידער און פּאָעמעס, אַרויסגעגעבן פון נ. י. גאָטליב בוך־קאָמיטעט און מיט דער מיטהילף פון קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס, מאָנטרעאָל, 1950, 320 זייטן.

„דריי פּאָעמעס" אַרויסגעגעבן פון נ. י. גאָטליב בוך־קאָמיטעט און מיט דער מיטהילף פון קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס, מאָנטרעאָל, 1955, 208 זייטן.

„מיין לאַנד מיין לידערשע", — לידער און פּאָעמעס, אַרויסגעגעבן פון נ. י. גאָטליב בוך־קאָמיטעט און מיט דער מיטהילף פון קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס, מאָנטרעאָל, 1958, 224 זייטן.

אַרטיקלען און באַמערקונגען וועגן
נ. י. גאָטליב

אייזן, שרה:
נ. י. גאָטליבס לידער, אַפריקאַנער יידישע צייטונג, יאָהאַנעסבורג, ערב ראש השנה, 1960.

אַפּאַלאָוו, דוד:
דער דיכטער נ. י. גאָטליב, דער יידישער זשורנאַל, טאָראָנטאָ, 1942.

אַפּאַלאָוו, דוד:
אַ נייער בוך מיט טיף מענטשלעכע לידער פון דעם העכסט באַגאַבטן דיכטער נ. י. גאָטליב, דער יידישער זשורנאַל, טאָראָנטאָ, מערץ 10, 1943.

אַקרוטני י.:
די ביאָגראַפיע פון יידישער גרויסקייט (נ. י. גאָטליבס פּאָעמעס וועגן דר. הערצל, י. ח. ברענער און ענצאָ סערעני), יידישע צייטונג, בוענאָס איירעס, פעברואַר, 27, 1955.

אַקרוטני י.:
העלדן, וואָס האָבן געפונען זייער מחבר, יידישע צייטונג, בוענאָס איירעס, מערץ, 6, 1955.

אַקרוטני י.:
עכאָס פון לידערלאַנד, יידישע צייטונג, בוענאָס איירעס, מאי 16, 1958.

אַרש, ירחמיאל:
פראַגמענטן פון מיין פאַרגאַנגענהייט, יזכור־בוך פון ראַקישאָק און אומגעגנט, יאָהאַנעסבורג, 1952, זייט 139.

בן-חיים, נ.:
„חלוצים", דבר, תל־אביב, אויגוסט 5, 1949.

באַטאָשאַנסקי, יעקב:
צווישן ביכער און מחברים, די פּרעסע, בוענאָס איירעס, 1933.

באַטאָשאַנסקי, יעקב:
דער חלוץ צו־גאַסט אין דער יידישער ליטעראַטור, די פּרעסע, בוענאָס איירעס, אַפּריל 20, 1941.

באיאַן, ל.:
אַ בוך וועגן חלוצים, די שטימע, מעקסיקע, 1941.

בן-משה, י.:

די יונגע יידישע דיכטונג אין ליטע, יידישע צייטונג, בערלין, 1930.

ב. מ.:

ליטעראַרישער אוונט, די יידישע שטימע, נומער 2890, קאָוונע, 1929.

באַק, זעליק:

ליטעראַרישער גרוס פון ליטע, ליטעראַרישע בלעטער, וואַרשע, אויגוסט 2, 1929.

ביק, א.:

נאַטור און ליריק ביי נ. י. גאָטליב, יידישער קוריער, שיקאַגאָ, 1941.

באַשעווים, י.:

פון דער ביכער־וועלט, צוקונפט, ניו יאָרק, יולי, 1940.

גאָטליב, יעקב:

וועגן זאַמלבוך „שליאַכן", „שליאַכן", קאָוונע, 1932.

גאלאי, יוסף:

א געלונגענער אנהייב, קענעדער אָדלער, יאַנואַר 6, מאָנטרעאָל, 1956.

גאָלדקאָרן, י.:

דער ליטווישער גליל, באַפרייאונג, מינכען, יוני 25, 1948.

גאַר, יוסף:

קלאָג־לידער אויפן פאָלקס־חורבן, אונזער וועג, מינכען, דעצעמבער 6, 1946.

גאַר, יוסף:

נ. י. גאָטליבס „אַ מענטש אין די הימלען", קענעדער אָדלער, אַפּריל 20, מאָנטרעאָל, 1953.

גולן, י.:

הרצל, ברנר וסרני, מדור עברי, קענעדער אָדלער, מערץ 28, מאָנטרעאָל, 1955.

גינזבורג, מ.:

„אַ מענטש אין די הימלען", קענעדער אָדלער, יאַנואַר 10, מאָנטרעאָל, 1951.

גלאַטשטיין, יעקב:

מיין חוב צו 1945, אידישער קעמפער, יאַנואַר 4, ניו יאָרק, 1946.

גלאַטשטיין, יעקב:

בריוו, אידישער קעמפער, ניו יאָרק, יולי 18, 1947.

גלאַטשטיין, יעקב:

לידער און גראַמען, אידישער קעמפּער, ניו יאָרק, סעפּט. 5, 1947.

גלאַטשטיין, יעקב:

דריי ביכער, נ. י. גאָטליב — „חלוצים״, אידישער קעמפּער, ניו יאָרק, יוני 4, 1948.

גלאַטשטיין, יעקב:

א יידישער דיכטער אין קאַנאַדע, אידישער קעמפּער, ניו יאָרק, דעצ. 26, 1952.

גלאַטשטיין, יעקב:

דריי נאַציאָנאַלע פּאָעמעס פון נ. י. גאָטליב, אידישער קעמפּער, ניו יאָרק, יאַנ. 21, 1955.

גלאַטשטיין, יעקב:

געקליבענע לידער פון יעקב גאָטליב, אידישער קעמפּער, ניו יאָרק, אַפּריל 22, 1960.

גלאַנץ י.:

ארום דער וועלט, מעקסיקא, 1941.

גלאַנץ י.:

נ. י. גאָטליבס ערלעכע געזאַנגען, דער וועג, מעקסיקא, אויגוסט 2, 1958.

גלאָב:

„מיר אליין״ — אוונט, פאָלקסבלאַט, קאָוונע, 1930.

גלאָב:

אַפּשייד־אוונט פאר נ. י. גאָטליב, פאָלקסבלאַט, נומער 78, קאָוונע, 1930.

גרינבלאַט, נתן:

„מיר אליין״, פרימאָרגן, ריגע, 1927.

גרינבלאַט, נתן:

א בוך פון געזאַנגען, די אידישע שטימע, קאָוונע, 1929.

גרינבלאַט, נתן:

נח יצחק גאָטליבס „גאַנג״, „מיר אליין״, קאָוונע, 1930.

גרינבלאַט, נתן:

„זעגלען אין זון״, „שליאַכן״, קאָוונע, 1932.

גרינבלאַט, נתן:

העברעאישע ליטעראַטור־שאַפונגען אין ליטע, „ליטע", בוך איינס, ניו יאָרק, 1951, שפּאַלט 1116.

גרינשפּאַן, י.:

צווישן יידישע בירגערלעכע זשורנאַלן, סיגנאַל, ניו יאָרק, אַפּריל, 1933.

דוואָרזשעצקי, דר. מ.:

כ'האָב געלייענט, אונזער וואָרט, פּאַריז, אָקט. 10, 1946.

דוואָרזשעצקי, דר. מ.:

חלוצישער פרילינג אין ליטע, דאָס וואָרט, מעקסיקע, דעצ. 1, 1948.

דייטש, מאַטעס:

מיט בלוט באַפלעקטע פּייזשאַזן, אידישער קוריער, שיקאַגאָ, פעבר. 28, 1943.

דייטש, מאַטעס:

נאָטיצן בעתן לייענען, חשבון, לאָס אַנגעלעס, אַפּריל, 1959.

דייטש, מאַטעס:

יעקב גאָטליבס געקליבענע לידער, חשבון, לאָס אַנגעלעס, מאַי, 1960.

הימן, א.:

חנינה, גלים, קאָוונע, 1927.

הימן, אליעזר:

לנוח יצחק גוטליב, להופעת ספרו „גאַנג", נתיבות, קאָוונע, 1930.

היימאַן, אליעזר:

דפים רעננים, נתיבות, קאָוונע, 1930.

היימאַן, אליעזר:

„מיר אַליין", די אידישע שטימע, קאָוונע, 1930.

הערימאַן, יהודה:

נ. י. גאָטליבס זכרונות וועגן ליטווישן „החלוץ", קענעדער אָדלער, יולי, 1946.

וואָלפּע, ד.:

פאַרוואָרצלטקייט און בענקשאַפט, אונזער וועג, מינכען, 1946.

וואָלפּע, ד.:

אַ געזאַנג דער חלוצישער ליטע, אונזער וועג, מינכען, 1948, קענעדער אָדלער, מאָנטרעאַל, נאָוו. 4, 1948.

וואָלפּע, ד.:

נ. י. גאָטליב — דער דיכטער פון אַ פאַרשניטענער היים, דרום אפריקע, יאָהאַנעסבורג, פעבר. 1953.

וואָלפע, ד.:
א ליטע־בוך בזעיר אנפין, דרום אפריקע, יאָהאַנעסבורג, אויג. 1953.
וואָלפע, ד.:
באַזינגער פון ניט געוויינלעכע געשטאַלטן, אפריקאַנער אידישע צייטונג, יאָהאַנעסבורג, פעברואַר 11, 1955.
וואַרשאַווסקי, י.:
מאָנטרעאַלער העפטן, פאָרווערטס, ניו יאָרק, מערץ 17, 1957.
וואַרשאַווסקי, י.:
די אידישע קריטיק און די אידישע קולטור, פאָרווערטס, ניו יאָרק, פעברואַר 12, 1960.
זאַק, ב. ג.:
נ. י. גאָטליב, קענעדער אָדלער, מאָנטרעאַל, אַפּריל, 1941.
זאַק, ב. ג.:
פון צער און צאַרן, קענעדער אָדלער, מאָנטרעאַל, מערץ 3, 1946.
זאַק, ב. ג.:
נח יצחק גאָטליב, קענעדער אָדלער, מערץ 4, 1955.
טענענבוים, ש.:
נאַטור און מענטש, אידישער קוריער, שיקאַגאָ, מאַי 5, 1940.
טענענבוים, ש.:
זונליכט־באַנדאַזש פאַר ליידנדע, די שטימע, מעקסיקאָ, יולי 13, 1943.
טשאַרני, ד.:
וואָס איך האָב געזען און געהערט אויף מיין רייזע דורך ליטע, די פּרעסע, בוענאָס איירעס, יולי 14, 1929.
טשאַרני, ד.:
וועגן דיכטערישן אָנוווּקס פון רוסלאַנד, ליטע און פּוילן, ליטעראַרישע בלעטער, אַפּריל 25, וואַרשע, 1930.
טשאַרני, ד.:
אויפלעבונג אין דער יידישער קולטור אין אַמעריקע, ליטעראַרישע בלעטער, נומער 24, וואַרשע, 1933.
טשאַרני, ד.:
דניאל טשאַרני באַגריסט נ. י. גאָטליבן צום דערשיינען פון זיין נייעם בוך „חלוצים" און צו זיין אָוונט לכבוד דעם בוך, קענעדער אָדלער, מאָנטרעאַל, מאַי 17, 1948.

ישורין, יעפים:

פופציק יאר „צוקונפט" (1942-1982)
(ביבליאגראפישע סטאטיסטיק).
צוקונפט, ניו יארק, מאי-יוני, 1942.

ישורין, יעפים:

הירש לעקערט ביבליאגראפיע. י. ש. הערץ. הירש לעקערט, פארלאג אונזער צייט, ניו יארק, 1952, ז"120.

ישורין, יעפים:

מלך ראוויטש ביבליאגראפיע. מלך ראוויטש „די לידער פון מיינע לידער". מאנטרעאל, 1954, ז"460. סעפאראטער אפדרוק, מאנטרעאל, 1954, ז"460.

ישורין, יעפים:

לייזער וואלף ביבליאגראפיע. לייזער וואלף. לידער. ניו יארק, 1955, ז"197.

ישורין, יעפים:

מאני לייב ביבליאגראפיע. מאני לייב. לידער און באלאדן.
ניו יארק, 1955. סעפאראטער אפדרוק, ניו יארק, 1955, ז"11.

ישורין, יעפים:

יוסף הלל לעווי ביבליאגראפיע. יוסף הלל לעווי. געזאמלטע שריפטן, לאנדאן, 1958, ז"347.

ישורין, יעפים:

נחום ברוך מינקאוו ביבליאגראפיע. נחום ברוך מינקאוו (1893-1958)
ניו יארק, 1959, ז"318. סעפאראטער אפדרוק, ניו יארק, 1959, ז"318.

ישורין, יעפים:

ד"ר יעקב שאצקי ביבליאגראפיע. שאצקי-בוך, ניו יארק-בוענאס איירעס, 1958, ז"ז"370. סעפאראטער אפדרוק, בוענאס איירעס, ז"370.

כאסמאן, ר.:

נ. י. גאטליב, די אידישע שטימע, נומ. 3184, קאוונע, 1930.

כאסמאן, ר.:

העכער די קעפ, פאעטן! די אידישע שטימע, קאוונע, 1930.

לייוויק, ה.:

ביכער, „מיר אליין", וואר, ניו יארק, מאי 12, 1930.

לייוויק, ה.:

מיט דער שארית הפליטה, ארויסגעגעבן פונם ה. לייוויק יובילײ־פאנד, דורכן ציקא־פארלאג, טאראנטא, 1947, זייט 199.

לעבעדיקער (דער):

אויפן ליטעראַרישן יאַריד, טאָג־מאָרגן־זשורנאַל, ניו יאָרק, פעבר. 27, 1955, דעצ. 25, 1955.

לעיעלעס, א.:

די ליטעראַרישע משפחה, טאָג־מאָרגן־זשורנאַל, ניו יאָרק, מאַי 11, 1957.

לעיעלעס, א.:

א יונג פארשניטענער טאלאנט, געקליבענע לידער פון יעקב גאָטליב, טאָג־מאָרגן־זשורנאַל, ניו יאָרק, 20 מערץ, 1960.

מאַזע, איידע:

נ. י. גאָטליבס „נייע לידער", קענעדער אָדלער, מאָנטרעאָל, 1943.

מאַזע, איידע:

נ. י. גאָטליבס „ליטע מיין היימלאַנד", קענעדער אָדלער, מאָנטרעאָל, פעבר. 25, 1946.

מאַמעליאַק, י.:

וועגן אַ ליטעראַרישן זשורנאַל, קענעדער אָדלער, מאָנטרעאָל, 1936.

מאַרק, יודל:

די אידישע פּאָעזיע אין ליטע פּראָגרעסירט, פאָלקסבלאַט, קאָוונע, 1932.

מוקדוני, דר. א.:

ביכער און שרייבער, מאָרגן־זשורנאַל, ניו יאָרק, 1940.

מוקדוני, דר. א.:

פיזישער און גייסטיקער איבערבוי, מאָרגן־זשורנאַל, ניו יאָרק, יוני, 25, 1941.

מוקדוני, דר. א.:

ביכער און שרייבער, מאָרגן־זשורנאַל, ניו יאָרק, 1943.

מוקדוני, דר. א.:

קינות אויף אונזער חורבן, מאָרגן־זשורנאַל, ניו יאָרק, אפּריל 28, 1946.

מוקדוני, דר. א.:

חורבן ליטע, מאָרגן־זשורנאַל, ניו יאָרק, דעצ. 16, 1951.

מייזל, נחמן:

יצחק לייבוש פרץ און זיין דור שרייבער, איקוף פארלאג,
ניו יארק, 1951, זז" 184, 190.

נאומאוו, י. ש.:

גייסטיקע שעהן, קאליפארניער אידישע שטימע,
23 אפריל, לאס אנגעלעס, 1943.

נאומאוו, י. ש.:

חורבן־לאמענטאציעס, קאליפ. אידישע שטימע, מערץ 15,
לאס אנגעלעס, 1946.

ניגער, ש.:

„ליטע מיין היימלאנד", דער טאג, ניו יארק, אקט. 13, 1946.

ניגער, ש.:

געלייענט און געשריבן, דער טאג, ניו יארק, נאוו. 17, 1946.

ס.:

„נייע לידער" פון נ. י. גאטליב, ליטווישער איד, ניו יארק, דעצ. 1943.

סדן, דב:

אבני שפה, תל־אביב, תשט"ז, ז"ז 278, 292.

סודארסקי, דר. מ.:

נ. י. גאטליב, פאלקסבלאט, נומ. 14, קאווגע, 1930.

סודארסקי, דר. מ.:

א גרוס פון א דיכטער, פאלקסבלאט, קאווגע, 1932.

סיגאל, י. י.:

נ. י. גאטליב, קענעדער אדלער, אויגוסט 3, מאנטרעאל, 1930.

עמיאט, י.:

נ. י. גאטליב, מעקסיקאנער לעבן, נאוו. 19, מעקסיקא, 1960.

פאמעראנץ, א.:

א ניי בוך וועגן סאוועטישע שרייבער פון נ. י. גאטליב,
מארגן־פרייהייט, ניו יארק, יוני 22, 1945.

פענסטער, הערש:

מיינע באגעגענישן מיט יידישע שרייבער אין קאנאדע און אמעריקע,
אונזער שטימע, פאריז, אקטאבער 26־27, 1957.

א. פעפער און ש. מיכאעלס:

דאנקען נ. י. גאטליבן, קענעדער אדלער, מאנטרעאל, נאוו. 4, 1945.

א. ק—קי:

אפשייד־אוונט לכבוד נ. י. גאָטליב, די אידישע שטימע, קאָוונע, 1930.

קאָוואַרסקי, א.:

גרויסער פרייז־אוונט אין קאָוונע, די אידישע שטימע, קאָוונע, 1930.

קאַן, בנימין:

„מיר אליין", אין געווירבל, נומער 2, יוני־יולי, טאָראָנטאָ, 1930.

קייזערמאַן, ח. מ.:

נ. י. גאָטליבס „זעגלען אין זון", קענעדער אָדלער, מאָנטרעאל, פעבר. 3, 1932.

קייזערמאַן-וויטאַל, ח. מ.:

נ. י. גאָטליב, אידישע דיכטער אין קאַנאַדע, מאָנטרעאל, 1934, ז"ז 127־138.

קייזערמאַן, ח. מ.:

„איבערבוי", קענעדער אָדלער, מאָנטרעאל, 1941.

א. ר.:

נח יצחק גאָטליב, „גאַנג", צוויי, זאַמלהעפט, תל־אביב, יולי, 1927, ז"ז 75־76.

ראָבאַק, א. א.:

ווער זענען די הונדערט יידישע שרייבערס? פרייע ארבעטער שטימע, ניו יאָרק, אויגוסט 26, 1955.

ראבינאָ, י.:

וועגן נ. י. גאָטליב, קענעדער אָדלער, מערץ 25, מאָנטרעאל, 1951.

ראבינאָוויטש, י.:

אן אוונט פאר א טאַלאַנטירטן דיכטער, קענעדער אָדלער, מאָנטרעאל, 1930.

ראבינאָוויטש, י.:

די היגע אידישע שרייבער־משפחה, קענעדער אָדלער, מערץ 3, מאָנטרעאל, 1932.

ראבינאָוויטש, י.:

„איבערבוי", קענעדער אָדלער, מאָנטרעאל, נאָוו. 24, 1940.

ראבינאָוויטש, י.:

נ. י. גאָטליבס נייער בוך לידער, קענעדער אָדלער, אפריל 4, 1943.

ראבינאָוויטש, י.:

א וויכטיק און נוצלעך בוך, קענעדער אדלער, מאָנטרעאל, מערץ 6, 1955.

ראבינאָוויטש, י.:

„מיין לאנד מיין לידערשע", קענעדער אדלער, מאָנטרעאל, מאי 13, 1958.

ראַוויטש, מלך:

קפיצת הדרך צו דער סאָוועטיש־אידישער און רוסישער ליטעראַטור, קענעדער אַדלער, מאָנטרעאל, אויגוסט 20, 1945.

ראַוויטש, מלך:

שמערקע קאַטשערגינסקי אָנדענק־בוך, בוענאָס איירעס, 1955, ז" 149.

ראַוויטש, מלך:

נ. י גאָטליבס „מיין לאַנד מיין לידערשע", צוקונפט, ניו יאָרק, סעפּטעמבער, 1958.

ראַוויטש, מלך:

וועגן יעקב גאָטליבס „געקליבענע לידער", צוקונפט, ניו יאָרק, דעצעמבער, 1960.

ראָזאָף, ל.:

פון פּאָעזיע צו פּראָזע, אידישער קעמפער, ניו יאָרק, דעצ. 12, 1941.

ראָנטש, י. א.:

נח יצחק גאָטליב: בלויע גנאָד", דער אויפקום, ניו יאָרק, יולי, 1927, ז"ז 47־48.

רייזען, אברהם:

„איבערבוי" פון נ. י. גאָטליב, די פעדער, ניו יאָרק, 1942.

רייזען, אברהם:

מלך ראַוויטש, די פעדער, ניו יאָרק, 1945, ז" 156.

רייזען, אברהם:

נייע ביכער און צייטשריפטן, נ. י. גאָטליבס „נייע לידער", די פעדער, ניו יאָרק, 1945, ז" 160.

רייזען, אברהם:

„חלוצים" פון נ. י. גאָטליב, די פעדער, ניו יאָרק, 1949.

שאולזאָן, אב.:

נ. י. גאָטליבס „איבערבוי", יידישע שריפטן, באַנד 1, העפט 3, ניו יאָרק, זומער, 1941, ז" 311.

זאוולער, א.:

גאָטליב־אָוונט אין שאַוול, די אידישע שטימע, נומ. 3184, קאָוונע, 1930.

זאַליט לוי:

דורך דער נאַכט, אַפריקאַנער אידישע צייטונג, אַפריל 22, יאָהאַנעסבורג, 1960.

זוסטער, ז.:

„בלויע גנאָד", נתיבות, קאָוונע, 1927.

זאַפּירא, דר. ח. נ.:

צו דער כאַראַקטעריסטיק פון נ. י. גאָטליב, די אידישע שטימע, קאָוונע, 1930.

זאַפיר, מ. מ.:

וועגן נ. י. גאָטליבס „מיין לאַנד מיין לידערשע", קענעדער אָדלער, מאָנטרעאַל, אַפּריל 21, 1958.

זאַפיר, מ. מ.:

יעקב גאָטליב: „געקליבענע לידער", קענעדער אָדלער מאָנטרעאַל, מערץ 21, 1960.

זולמאַן, א.:

לידער פון בענקשאַפט און טרויער, נ. י. גאָטליבס „ליטע מיין היימ־לאַנד", אויפבוי, מעלבורן, יוני 1946.

זולמאַן, אליהו:

א נייער באַנד לעקסיקאָן, אונזער צייט, ניו יאָרק, דעצ. 1985, ז" 43.

שטאַרקמאַן, א.:

וועגן ביכער און מענטשן, דער טאָג, ניו יאָרק, מערץ 1, 1941.

שטיינמאַן, ירחמיאל:

נח יצחק גאָטליב — „בלויע גנאָד", ליטעראַרישע בלעטער, וואַרשע, אויגוסט 5, 1927, ז" 606.

שטערן, שלום:

דער כאַר פון טרויער־זינגער, וואָכנבלאַט, טאָראָנטאָ, יולי 3, 1958.

וועגן נ. י. גאָטליב אין לעקסיקאָנען

לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור:

צווייטער באַנד, ניו יאָרק, 1958, שפאַלטן 21-22.

װעגן נ. י. גאָטליב אין פרעמד שפראַכן.

DUKER, A. G.:

Bookshelf Briefs, The Day, New York, 10 Dec. 1950.

GLATSTEIN, JACOB:

Three National Poems,
The Canadian Jewish Cronicle,
Montreal, February 11, 1955.

ROBACK, A. A.:

Belle-Lettres.
Supplement to the Story of Yiddish Literature.
Sci-Art Publishers, Cambridge, Mass. 1940.
P. 23-(671).

אינהאַלט

זייט

וואָס מאַכסטו, וואַלד — 9
אין אַ שטילן ווינקל — 36
איך בין פון שטאָט אַנטרונען — 38
פון ענגער שטאָט, רויש, מיין צוג — 45
קום איך אָן, טאָג — 46
אויפסניי מיט דיר, בליט אַן אָוונט — 47
א גרוס — 48
אָ, פרילינגדיקע — 49
ווי שיין — 50
בלויקייט אין רוימען — 51
כ׳בין געפאַנגען — 52
ברייטער, גרינער זומערדיקער פעלד — 53
אין פעלד — 54
אין די בערג — 56
קאָרנבלימלעך — 58
אויף א שטיין — 62
בלאָנקע איך, טוט א ווינט — 67
וואָלקנס, הימלען — 68
אלול — 69
ווי חלומות, גוט איז שפאַנען — 70
סאַראַ ליטער בלויע רוימען — 71
נעם מיך, ליבסטע, אין די אָרעמס, און ווידער — 72
צו אַן אַלטן דעמב — 73
דער ווינטער גייט — 74
גיב מיר — 77
אַ נאַכט אַ ווייסע, און אַז עס זינגט — 78
פרימאָרגן־בלוי, אָוונט־בלוי — 79
צו אַ הונט — 80
ווייסער פרידן — 82
צוויי לידער — 83
א בריוו — 85
נו, א סוף — 88
צוויי לידער וועגן דער זון — 91

זייט

דער פּאָעט — — — — — — — — — — — — — — — 97
צו איינעם אַ קאָלעגע — — — — — — — — — — — 116
צו אַ צווייטן קאָלעגע — — — — — — — — — — — 117
צו די יידישע פּאָעטן — — — — — — — — — — — 118
שוין יאָרן — — — — — — — — — — — — — — — 123
פאַרהויבן — — — — — — — — — — — — — — — 125
סע שטייען ערגעץ — — — — — — — — — — — — 126
אין שוואַרצער שרעק — — — — — — — — — — — 127
צי האָט זיך ווער — — — — — — — — — — — — 128
ס'איז אלול — — — — — — — — — — — — — — 130
אַ ניט געשיקטער בריוו — — — — — — — — — — 132
די וואַנט — — — — — — — — — — — — — — — 136
מיין מאַמע קלייבט זיך אין געטאָ — — — — — — — 138
נשמת כל חי — — — — — — — — — — — — — — 139
טויטן־מאַרש — — — — — — — — — — — — — — 141
ניט פאַר גאָט — — — — — — — — — — — — — 144
אויך שטעט זענען וועלדער — — — — — — — — — 146
צו אַ הונט — — — — — — — — — — — — — — 147
ווי פרעמד, זיי קומען נאָך צוגיין — — — — — — — 149
איך וועל זיי קיינמאָל ניט פאַרגעסן — — — — — — — 150
זיי זענען אַלע מיט מיר דאָ — — — — — — — — — 153
גערויש פון רעדער — — — — — — — — — — — — 159
פאַרלעש נאָך ניט — — — — — — — — — — — — 181
סיגנאַלן, גאָט־געליבטע — — — — — — — — — — 182
קען גוטס אַרויסעט — — — — — — — — — — — 183
די וועלט איז שיין — — — — — — — — — — — 184
פיר לידער פאַר ר. ג. — — — — — — — — — — 185
דיין עולם הזה, צו מיין בעט — — — — — — — — — 188
אַ וועלט אַ גאַנצע — — — — — — — — — — — 189
הושענה — — — — — — — — — — — — — — — 190
שטילקייט וואַרט אויף דיר — — — — — — — — — 191
ווו אַנטלויפן, דו גאַרסט נאָך רו, נאָכוואָס — — — — 192
ווו טרייבסטו זיי, חלומות־קאַשמאַרן, זיך דורכגעריסן — 193
ספּאַנטאַן — — — — — — — — — — — — — — 194

זייט

ווי א הירש, ער וועט שוין קומען — — — — — — — — 195
א געשריי, אין אַלע טאָלן — — — — — — — — — 196
ראַנדעוווּען אין שפּיטאָל — — — — — — — — — 197
צום טויט — — — — — — — — — — — — — — 199
אַן אַלטבאַקאַנטער וועג — — — — — — — — — — 200
איידער עס ווערט נאַכט — — — — — — — — — — 202
די לעצטע שורה — — — — — — — — — — — — 204
יעפים ישורין: נ. י. גאָטליב־ביבליאָגראַפיע — — — — 205

**אַ האַרציקן דאַנק פֿאַלגנדיקע פריינט און אינסטיטו-
ציעס, וואָס האָבן געהאָלפן אַרויסגעבן דאָס בוך:**

ש. כ. אַראָנאָף, פ. באַרער, ל. באַש, עטל בירברייער, בן־ציון בלאָך, א. בעלקין, י. בעקער, ד. בעקער, י. בערמאַן, ב. בערקאָוויטש, גאָרדאָן בראָון, מאָריס גאָרדאָן, ה. גראָוער, היימאַן דעקלבוים, חנה האַלפּערן, ע. האַרוויטש, ס. וויזנפעלד, ס. ווינקלער, ה. זאַלקינד, ק. זאַקוטאַ, ל. טייטלבוים, מ. לאָוטער, ס. לאַזאַניק, א. ליווערענט, ר. ליטמאַן, ה. מאַלטינסקי, ר. מאַלין, נחום מייערסאָן, ס. מירמאַן, ה. מילער, מ. י. מענדלסאָן, א. נירנבערג, ה. סינגער, ד. סינגערמאַן, עליאַס־ברידער, א. פּרנס, פ. פּרעסמאַן, ק. פיש, פ. פיש, א. קאַן, ב. קאַן, ה. קאַן, ה. קאַ־סאָוואַטסקי, חוה קאַפּלאַן, ס. ל. קאַפּלאַן, י. קראַמינער, ס. ראַ־בינאָוויטש, דר. ה. ראָזנפעלד, ש. שאַנצבערג, ג. שוואַרץ, ה. שילער, י. שטערנטאַל, נ. שטערנטאַל, דבורה שעכטער, פ. שעכ־טער, ראָוז שעכטער, ריסל שעכטער, קאַנאַדער יידישער קאָנגרעס.

נ. י. ג.